08/09/2024
A 002133-C 31
HF GROUP-IN

Digitized by the Internet Archive
in 2024 with funding from
United States Holocaust Memorial Museum

https://archive.org/details/bib293501

160 | זעט זיך אויסגעקריצט אויף אייביק ציפערן:
81681 – דאָס איז מיין לאַגער נומער פון דעם כאַוי,
ניט קיין נאָמען נאָר אייביקע ציפערן...
...און אַלץ וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, אַלע
שרעק און הונגער, וואָס איך האָב דורכגעטראָגן, אַלע
קלעפּ און געשרייען אויף מיר, דעם פאַרלאָרענעם
געוויינט און די קאָשמאַרישע דורכגעלעבטע נעכט,
די אַלע פּיין און צאָרעס וואָס איז אַרויסגעפאַלן
אויף מיין גורל, אויף מיין שיקזאַל – וועט זיך
קיינמאָל ניט פאַרגעסן...
...היינט זיינען פאַרפלויגן יאָרן, דער שוואַרצער
פּעריאָד פון דער מילחמה האָט זיך געענדיקט און
איצט בלייבט נאָר איינס – האָפן פון פולן האַרצן,
אַז עס וועט זיין גוט, אַז עס וועט שיינען די זון, עס
וועט זיין גליק און פרייד פאַר אַלעמען, עס וועט
זיין שלום, שלום אויף דער גאַנצער וועלט – און מען
זאָל קיינער, קיינמאָל ניט וויסן וואָס דאָס איז געטאָס,
לאַגערן און פינסטערע טעג פון שרעק און צאָרעס.
זאָל זיין נאָר פרייד, שלום, גליק און געזונט!!!
דאַגריס צאַווילעוויטש

(1959) פונאנדערגעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט,
איבער פארשידענע לענדער. און וויפל זיינען שוין
מער ניטאָ אויף דער וועלט?

אזוי פיל פארלוירענע, ניט נאָר אויסגעצייכנטע
ליבע און גוטע מענטשן, נאָר יאָרן, יאָרן וואָס
מיר האָבן פארלוירן אין די געטאָס און אין די
לאַגערס אין צער. און אין פיין, הונגעריקע און
פארשוואַכטע, מידע און קראַנקע, פארפייניקטע
און פארמוטשעטע... און אָט האָט זיך געענדיקט די
מלחמה, איצט זיינען מיר פריי און מיר דאַרפן
אָנהויבן אַ נייעם לעבן.

אַלע האָבן זיך געקליבן פאָרן אַהיים. די
פוילישע בירגער האָבן אָנגעהויבן צוריקפאָרן אין
פוילן. אַסאַך באַקאַנטע זיינען אוועקגעפאָרן צו זיך,
דורכמאַכנדיק דעם שרעקלעכן גאַנג דורך די דייטשישע
קאָנצלאַגערן. און עס איז געקומען אונדזער ריי, זיך
אויך צו קלייבן אַהיים...

...עס איז וואַרעם, עס איז זומער, מיט אַ העמדל
מיט קורצע אַרבל גיי איך אין גאַס און ניט ווילנדיק
גיב איך אַ בליק אויף מיין לינקער האַנט, ווי עס

158) וואַלטער ראַטענאַו, און דער האַנדל איז געווען
אין ייִדישע הענט. און ער, דער געוועזער, געפּרייטאַגן פון
די דייטשישער אַרמיי האָט געמאָלט דערוועגן די גאַנצע
וועלט, אַז נאָר דער שפּיגל שפּאַציר-פּלאַצן איז גוט,
און ניט קיין אַרבער, ניט קיין דייטשן, זייַענען ניט
קיין מענטשן! אַלע ער האָט אַ גרויסן טאַלאַנט
געהאַט. די וועלט וועט איך ניט שווייַגן. אַלע פאַר
די לאַנגע מיליאָנען יאָרן זייַענען אונדזערע קדמונים אַצינד
פיל גוטע ריינע און טייַערע מענטשן - מיליאָנען
ייִדן, מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער... ווו איז נאָך
קיין „ציוויליזאַציע"? – ווי היטלער האָט געלערנט זייַן
פאָלק, – אַלע מענטשן זייַענען גלייַך, אַלע ווילן לעבן
פאַר זיך און לאַנד, אַלע ווילן זייַן גליקלעך און
פאַרדינען גוטע און שיינע קינדער, אַז די וועלט זאָל
עקסיסטירן פאַר אַלעמען, אַלע זאָלן לעבן און
פון לעבן געניסן...
און ווו איז אַצינד מייַן פאָטער, מייַן ברודער, מייַן
מאַמע? ווו איז דאָס און ווו איז סאַניע, מייַן
שוועסטערקינד? ווו זייַענען מייַנע אַמאָליקע, גוטע
באַוווּסטע און פרייַנד? דער שיקזאַל, האָט ז...

157 די צײַן האָט שױן גוט געװאָרנט און עס
האָט זיך אָנגעהױבן דער צװײטער, דער ערשטער. נאָך
דער לאַנגער מילכאָמע. נאָך ציטנדיק אַלץ דעם הויף
פֿון האָספּיטאַל האָב איך אַלץ געטראַכט ווי עס איז
אַלעס אַנדערש פֿאַרבײַ. פֿאַר די לאַנגע מילכאָמע יאָרן
האָבן מיר פֿאַרלוירן אַזױ פֿרײַנט און אַזױ פֿיל מענטשן
וועלכע האָבן געטראַכט צו לעבן אין פֿרײַד און
גליק, און אַזױ יעדן פֿון די אומגעקומענע איז
געווען אַנדער אַ מאַמע, אַנדער ברידער און שוועסטער,
אַנדער ליבע קינדער אַנדער אײניקלעך. און לעבן
האָבן געוואָלט אַלע. עלטערע, באַלד – אַנדערע אַ
מענטש וואָס געטראַכט צום לעבן, צו זײַן גליקלעכן
צו ברענגען גליק און פֿרײד פֿאַר אַנדערע מענטשן.
און אין דער היסטאָריע פֿון לאַנגע יאָרן מישן זיך
אַרײַן אַזעלכע ווי היטלער, וועלכע טײַנעטן, אַז נאָר
דער דײַטשישער פֿאָלק, נאָר די דײַטשישע ראַסע איז
אַ גוטע, און אַנדערע פֿעלקער זײַנען ניט קײן גוטע,
און פֿאַרשטײט זיך, די ערשטע צווישן – די ייִדן. פֿאַר
דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז
אין דײַטשלאַנד, געווען אַפֿילו אַ מיניסטער אַ ייִד–

156 און געלערנט די שפּראַך נאָך איין יאָר אין
דער שול. דער רוסישער מאַגיסטראַט האָט געפּלאַנט,
אַז אַלע רוסישע בירגער וועלן אײַנגיכן פֿאָרן
אַהיים. און איך האָב זיך געפֿרייט אַהיים, טאַקע
אין קאַווינע, ווײַל מיר האָבן זיך געהאַט דערהערט,
אַז ווי מיר זאָלן ניט זײַן נאָך דער מילכאָמע,
דאַרפֿן מיר זיך אַלע — דאָס הייסט, מײַן פֿאָטער,
מוטער, ברודער און איך — טרעפֿן אין קאַווינע...
יעדן פֿרימאָרגן פֿלעג איך אַרויסגיין
זיך אַ ביסל וואַרעמען אויף דעם הויף, ווײַל קיין סאַך
גיין, האָב איך קיין קליידער ניט געהאַט, און בין
געווען נאָך גאַנץ אָפּגעשוואַכט. מען האָט מיר פֿון
האָספּיטאַל אַרויסגעגעבן דײַטשישע שיך, ווײַל
אויף די פֿיס האָב איך נאָך געהאַט די אַמאָליקע
לאַגערשיך מיט הילצערנע פּאָדעשוועס. אויך האָב
איך באַקומען אַ פּאָר גוטע הויזן און אַ רעקל.
און דאָס איז געווען מײַן „רײַכקייט". אָבער דאָך
בין איך געווען אָנגעטאָן, און עס איז דאָך געווען
דער אָנהייב פֿון זומער און ניט פֿון ווינטער.

155 פון מענטשלעכע טעטיקייט, געזען וויפיל עס
זיינען דא גוטע מענטשן און וויפיל מערדערס און
רויבערס, וועלכע קלערן נאר וועגן זיך און דער
אנדערער מענטש איז פאר זיי גארנישט...

אין מיין געבורטסטאג האט אן שיינע
דייטשישע קראנקנשוועסטער מיר געשאנקט צוויי מיטאג
שיינע, באפוצטע דעקאריטן, און גראטולירט מיר.
עס איז געווען אנגענעם, ווייל מענטשן האבן איך
שוין געהאט אפגעהיט און עס האט זיך געוואלט עפן
צווייטנס, וואס מענטשן קלערן וועגן מענטשן און טאקע
דריטנס, וואס איך בין געבליבן לעבן נאך דעם
דורכגעמאכטן טיף, ווייל אויב דער טיף וואלט
געווען מיט מיר מיט א וואך, אדער 2 פריער, וואלט
איך ניט געשריבן דאס, וואס איר לייענט...

אין די ערשטע טעג יוני איז געקומען אין
האספיטאל א רוסישער אפיצער, פון די מיליטער-
אדמיניסטראציע, וועלכער האט רעגיסטרירט אלע
פוילישע בירגער. און אויטאמאטיש האב איך זיך
געמעלדעט אלס רוסישער בירגער, [illegible] דעם נאמען
גערעדט, איך האב רוסיש געקענט גאנץ שוואך,

154) האט איינער א קאמיק, א מאזיקאנער שוישפילער,
געשטארבן מיטן די טעמפעראטור און מען האט אים
איין מאל געשלאגן דעם טערמאמעטער, איז אים מיעס
געווארן אים לאזן צו האלטן און ער האט דעם
טערמאמעטער צעקייט און אפילו אראפגעשלונגען.
מען האט געלאכט לאנג, ווייל עס איז אויסגעקומען
קאמיש. און דאן איז טאקע געווען מעגליך אויף יענעם
פולק, ווייל מען פלעגט איינשלינגען מיטן טערמאמעטער
איין מאל...

נאך 10 טעג, איז די טעמפעראטור איז אראפ
האט זיך אנגעהויבן ווילן עסן. מען פלעגט מיר
שוין געבן צו־צווי פארציעס און מיר פלעגט זיך
דאכטן, אז עס איז ווייניק. און אין די טעג
איז דאך מיר געווען דער געבורטסטאג. דעם
31 מיי 1945 בין איך געווארן 19 יאר אלט.
אפגעלעבט אויף דער וועלט 19 יאר און שוין אזוי פיל
דורכגעמאכט. 4 יאר אין געטא און אין די לאגערן,
און ניט געלערנט זיך אין שול, נאר געלערנט זיך
אין לעבן, געלערנט ווי מען דארף אויסהאלטן צרות,
געלערנט און אפילו פארשטאנען דעם צוגעמאכטן

153 אין האָספּיטאַל זײַנען געשטאַנען אַסאַך בעטן,
עס איז געווען זייער וואַרעם, קאַלט. אין יענער
צײַט האָט עס מיר ניט געשטערט, ווײַל בײַ מיר איז
געווען אַ הויכע טעמפּעראַטור. אויף מײַן בעט איז
געהאַנגען אַ קאַרטעלע מיט אָנגעשריבענע ציפֿערס
פֿון טעגלעכן טעמפּעראַטור - עס זײַנען געווען טעג
ווען בײַ מיר איז געווען 40,2°. שפּעטער איז געפֿאַלן
39° און איך בין געלעגן און קיין זאַך ניט געוווּסט.
מען פֿלעגט מיר געבן טאַבלעטן די ליפּן אַ פּאָר
טראָפּן וואַסער און יעדן טאָג פֿלעגט מען מיר
שטעלן באַנקעס מיט גלעזלעך און שפּעטער אַרײַנקאָפּ-
נען גלעזלעך. אַזוי בין איך געלעגן בײַ 10
טעג און דערנאָך איז די טעמפּעראַטור אַראָפּ. נאָר
פֿריִער איז געווען ווען מען פֿלעגט מעסטן די
טעמפּעראַטור. מען האָט געשטעלט דעם טערמאָמעטער
אין מויל. און איך האָב זיך דערמאָנט ווען אַ קינאָ-
פֿילם, וואָס כ'האָב געזען נאָך פֿאַר דער מלחמה.
מיר דאַכט זיך אַז דער פֿילם האָט זיך געהייסן
„אַ סקאַנדאַל אויף די פּערמאָסטונגען" און דאָרטן

152 געזאָגט דער דאָקטער. מען האָט מיר געהאָלפֿן אויפֿשטיין און צוויי באַוויירער האָבן מיר גענומען אונטער די אָרעמס און צוגעפֿירט צו די אַמבולאַנס. אונטערוועגס האָט מען גענומען נאָך אַ פּאָר צווייטע קראַנקע ווי איך און מען האָט אונדז אַלעמען צוגעפֿירט צו צייטווייליקן מיליטערישן שפּיטאָל. דאָרט האָבן אַמעריקאַנישע קראַנקשוועסטער, אַלע ענגליש, גערעדט מיט אַ רוסישן ייִדיש ווי מען רעדט איך און זי האָט גאָר ניט פֿאַרשטאַנען. דאַן האָב איך אים געפֿרעגט אויף רוסיש און איך האָב איר איבערזעצט.

— יאָ, יעני שפּיק אייגליש — האָט געזאָגט די קראַנקשוועסטער און מיר איז שוין אויסגעקומען איבער-צוזעצן אַלע פֿראַגעס.

מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסטאָן, געוואַשן אין דוש, זיך געוואַשן, אונדז געגעבן ריינע וועש און אויף דעם צעטל טעמפּעראַטור אַוועקגעפֿירט אין האָספּיטאַל. דאָס איז געווען דער האָספּיטאַל פֿאַר די עס עס לייט, און איצט האָט מען אַהין געלייגט קראַנקע געוועזענע האַפֿטלינגען. און קומענדיק אַהין האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַלע קראַנקע האָבן אַ טיף.

151) מיר איז געווען זייער ווארעם. איך האב זיך
אויפגעהויבן פון געלעגער און מיר האט זיך גלייך
אנגעהויבן דרייען די קאפ. איך האב געשטעלט
עטלעכע טריט און איך האב געשפירט אזא שוואכקייט,
אז איך האב ניט געקענט איינשטיין אויף די פיס און איך
האב אנגעהויבן פאלן. איך האב זיך אנגעהאלטן אין
דער ווענט און געזאגט מיינע שכייניק, אז מיר איז
ניט גוט און עס דרייט זיך מיר די קאפ. איינער פון
מיינע שכייניק איז ארויס אין גאס און אין 10 מינוט
ארום איז צוגעקומען צו אונדז א אמעריקאנישע
אמבולאנס און עס איז אריין צו מיר א מיליטער-
דאקטער און א קראנקנשוועסטער; דער דאקטער האט
א טאפ געטאן מיין פולס, געפרעגט וואס עס טוט
מיר וויי. איך האב געזאגט, אז עס טוט וויי דער קאפ,
און איך שפיר א שוואכקייט. ער האט געזאגט עפעס
די קראנקנשוועסטער, 2 פון אונדזערע חברים זיינען
ארויס מיט מיר און געבראכט עפעס מעדיצינע טאבלעטן
און ער האט מיר געהייסן איינעם טראפ שלינגען. איך
האב עס פארטרונקען מיט וואסער.
- מען דארף דיר פירן אין האספיטאל - האט

150) געגלייבט נאָר רוסישע און פּויליש בירגער.
אונדז האָט מען אַריבערגעפירט לעבן פון אונדזער
באַראַק אין לאַגער, ווי עס האָט פריער געלעבט
די וועכטער פון עס עס. גרויסע, שיינע צימערן,
פאַר יעדן אַ באַזונדער בעט מיט אַ מאַטראַס, מיט
אַ ווייסן קישן און אַ לײַלעך. און דאָס וואָס געצײַגט,
די ערשטע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט שלאָפן – עס
איז אַלץ געווען צו ווייך און ווייס די זײַטן. איך
בין געווען געוווינט צו שלאָפן אויף האַרטע ברעטער,
און דאָ – אין ווייכע מאַטראַצן, אונטערן קאָפּ פלעגט מיר
ליגן מײַן לאַגער-רעקל, די געשטרײַפטע – און דאָ
מיט אַ ווײַסער קישן... עס איז נישט אַזוי לײַכט
צו פאַרשטיין פאַר מענטשן, וואָס שלאָפן דאָס גאַנצע
לעבן אין ווייכע בעטן... געבוירן צו גוטס, געוווינט
מען זיך אויך צו, און טאַקע אַזוי גיך ווי צו ניט
גוטס...
איך בין שוין געווען עטלעכע טעג אין אונדזער
"נײַער וווינונג", געגעסן פרישטיק – און טאַקע ניט
שלעכט – און זיך צוגעוויינט צום גוטן. איך האָב זיך
אויפגעכאַפּט פון אַ שטאַרקן קלאַפּ־וועקער און

1149 פֿעלן אָבער אַלע חבֿרים האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען וואָס
וואָס עס האַנדלט זיך און זיך פֿאַרשעמט געשוויגן. און
ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, וואָס איך האָב ניט
גוט געזען, אָדער בעסער געזאָגט — איך בין ניט
קיין גוטער איבערזעצער, ווייל איך האָב די ווערטער
איבערגעזעצט ריכטיק, אָבער עס איז אַרויסגעקומען ניט
ריכטיק און ניט שיין פֿון מיין זייט...

...שפּעטער האָבן זיי דעם טייל פֿון לאַגער אין
אַ דאָרף, ניט ווייט פֿון דעמבּיי און פֿון דאָרטן געפֿירט
אַוועק געשיקט צוריק. זיי זיינען געגאַנגען אין צירקל
געשטרייפֿטע צאַכן אָנגעטאָן און די פֿאַרפּיזיאָרים האָבן
זיי געשלאָגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט. די דײַטשישע פּרייזן
האָבן מיר געזען פֿון די שטאָקן, און אַז זיי
האָבן דערזען געוואָרענע היפּטלינג, האָבן זיי אויך
מיר געזען ווען צו זיי ניט שלאָגן, אַנדערש וועט
ניט אָפּטאָן קען זיי. זיי האָבן געבראַכט פֿרישע אײַער
שפּאַק, געפּרעגלטע פֿישפֿלייש, ציבעלע און נאָך
אַנדערע זאַכן...

די מלחמה האָט זיך געענדיקט און מיר
זיינען ניט ... געווען אין לאַגער. עס זיינען

148) אויף ענגליש. דער שאָפֿער האָט זיך פֿונאַנדער-
געשמייכלט און איז געוואָרן צופֿרידן, אַז איך קען אידיש
ריידן אויף זײַן שפּראַך. ער האָט מיר געפֿרעגט פֿון וואַנען
איך בין, ווי אַזוי קום איך אין דײַטשלאַנד און איך
האָב אים געענטפֿערט, ווײַל איך בין אַ איד.

אין דער צווייטער זײַט איז געשטאַנען נאָך אַ
רוסישער באַאַמטער און האָט אויף רוסיש געזאָגט:

— כאַווראַ, זעט וואָס פֿאַר אַ שוואַרצער דאָ איז!

דער שאָפֿער האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט
און געבעטן מיר איבערזעצן דאָס אויף ענגליש. און איך
האָב ניט לאַנג טראַכטנדיק גלײַך איבערגעזעצט:

"דער באַאַמטער זאָגט, אַז איר זײַט אַ שוואַרצער
מאַן! (אַזוי האָב איך איבערגעזעצט).

דער שוואַרצער שאָפֿער איז גלײַך געוואָרן קלייני[ק]
ער האָט אַ פּאָר זיך געלאָזן צו זײַן פֿאַרוואַלטער אַ מין
טעלעפֿאָן שטילן קלאַפּעס. ער האָט זיך פֿאַרריגלט דעם
אָפֿענעם פֿענצטער פֿון זײַן אַמבולאַנס-מאַשין. און
איז זיך אַוועקגעפֿאָרן אַ 30-40 מעטער און דאָרט
געבליבן שטיין. אין די ערשטע מינוט האָב איך
ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איז ער געוואָרן אין כּעס

אַזוי ווי פֿאַר אַ טאַשנײַדער, און מיר האָבן
דערזען אַ קלײנעם פֿאַרביקן בילדל פֿון אַ יונגל און
שײנער אַגריטישנישע פֿרוי, מיט אַ שײנעם שמײכל
און שוואַרצע, געקרײזלטע האָר. אַלעמען איז צו
געפֿעלן געוואָרן און אַלע האָבן אים געזאָגט:
– פֿײַן, גוט, שײן! – ער האָט געשמײכלט.
דאַן האָט ער צוגעמאַכט דעם דעקל און
איבערגעקערט דעם מעדאַליאָן, געעפֿנט דעם אַנדערע
דעקל פֿון דער צווייטער זײַט און מיר האָבן אַלע
דערזען אַ שײנע, קלײנע מײדעלע, אויך אַ שוואַרצינקע,
פּונקט ווי איר מאַמע. ווײַטער פֿון די ברודער, טאַקע
קימאַט אַלע רוסישן האָט געפֿרעגט פֿון וואַנעט
שטאַמט ער איז און ער האָט געענטפֿערט אַז, ערגעץ
פֿון אַ קלײן שטעטל פֿון דאָרעם-אַמעריקע. דערנאָך
האָט ער אַרויסגענומען אַ פּעקעלע סיגאַרעטן „קעמל“
און האָט אַלעמען געגעבן צו אַ סיגאַרעט.
איבערצוזעצער צײַט איז צוגעקומען נאָך
אַ רוסישער יאַט, ער האָט געפֿרעגט ווי אַלט איז
דער שאָפֿער און ער האָט אים ניט פֿאַרשטאַנען. ווען דאָס
האָב איך זיך אַרײַנגעמישט און אים געזאָגט אַז

146) וואָס מען האָט שוין געקענט ...

... נאָכן מיטן פֿון די צענטראַלע לאַגערגאַס פֿון
דאַכאַו איז געשטאַנען אַ אַמבולאַנס, פֿון די אַמערי-
קאַנישע מיליטערס מיט רויטע קרייצן פֿון אַלע זײַטן.
לעבן דעם שלאַגבוים זײַנען געשטאַנען עטלעכע
רוסישע יאַטן, אוקראַינער און צוויי אָנגעצויגן אַנדערע
נאָך אין געשטרייפטע-לאַגער צײַכן, און האָבן
מיט אים עפּעס גערעדט, געטענהט מיט די הענט
אַז זאָל דאָס קענען צו פֿאַרשטיין.

איך בין אויך צוגעגאַנגען צו דעם שלאַגבוים
און דערזען אַ שוואַרצן נעגער, טאַקע אַזאַ שוואַרצן,
אַז מ'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז עס קענען זײַן
אַזעלכע שוואַרצע מענטשן. ער האָט געלאַכט, געוויזן
זײַנע שניי-ווײַסע ציינער, און אַלע האָבן אים
געשטעלט פֿאַרשידענע פֿראַגעס. ווײַטער פֿון די באַוואַכער
האָט געפֿרעגט אויף דײַטש און רוסיש צוזאַמען, צו איז
ער אַ באַזונדערער געבאָרענער און ער האָט דעם מאָל
פֿאַרשטאַנען די פֿראַגע. ער האָט אַרויסגענומען פֿון
האַלדז אויף אַ שנירל אַ גאָלדענע קייטעלע אַ מעדאַליאָן
אויך, מיט אַ צווייטן פֿון גאָלד, געעפֿנט דעם דעקעלע

145 | אויס ציק נאָך עפּעס.

דעם 8-טן מײַ 1945 האָט מען אונדז געזאָגט אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די דײַטשן האָבן קאַפּיטולירט. דאָס איז געווען אַ פֿרײַד! מיר האָבן געשפּרונגען, זיך געקושט און געוויינט פֿון שימחה. 4 יאָר צײַט האָט זיך פֿאַר אונדז געצויגן די מלחמה, און פֿאַר אַנדערע מענטשן, צום בײַשפּיל, פֿון פּוילן גאַנצע 5 יאָר און איצט איז געקומען דער סוף פֿון איר און מען קען שוין אָנהייבן אַ שטילן, גוטן, שלום־דיקן לעבן, אַז טאַקע אַלע פֿעלקער זאָלן לעבן אין פֿרידן און עס זאָל מער נישט זײַן קיין מלחמות. מען האָט אונדז דעם טאָג געגעבן צו אַ פּושקעלע מיט מאַרמעלאַד און קעז, מיר זאָלן קענען עסן און וויסן ווי גוט עס איז, אַז אַט די וועלט איז געוואָרן שטילער...

אין די טעג זײַנען אָנגעקומען אַ הײַך אַלע יוגאָסלאַווען, וועלכע זײַנען געווען טאַקע פֿיל אין דאַכאַו און עס זײַנען געבליבן נאָר די רוסן און פּוילישע בירגער. מיר זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער דעם לאַגער, געטרונקען, געטרוימט און געגעסן אַלץ

144 פֿאַר די טויזנטער און מיליאָנען ייִדן וואָס זײַנען
אומגעקומען אין די געטאָס, אין די לאַגערן און
אין באַנדיטער הענט, ווי עס האָט נאָר געטראָפֿן דער
שטורעם פֿון די דײַטשישע מערדער. אין אַלגעמיין זײַנען
געפֿלאָסן טרערן אין די אויגן און יעדער האָט זיך
דערמאָנט וועגן זײַנע נאָענטע, וועגן די עלטערן און
קינדער, ברידער און שוועסטער, פֿרײַנד און [illegible],
וועלכע זײַנען אומגעקומען נאָר דערפֿאַר וואָס זיי
זײַנען ייִדן. עס האָט געטראָגט, אַז די [illegible]
ייִדן וועלן צולייגן כּוחות מי צו העלפֿן אַלע ייִדן
אין די מיליטערישע לענדער. דער רעוו-קאָפּיטאַן האָט
אַלעמען געווּנטשן זיך וואָס גיכער צוריקקערן אַהיים
און זײַערע לענדער, ווײַל אין גאַנץ גיכן וועט זיך
שוין ענדיקן די מלחמה. דערנאָך איז אַ גרופּע
פֿון טריבונע זיך געזעגנט אין זײַן „שיף" און
איז צוזאַמענגעפֿאָרן.
עס האָט מען אונדז שוין געגעבן נאָרמאַל, וואָס
הייסט מיר זײַנען געווען זאַט, אָבער, דעם טעמפּאָ
געטרונקט, עס האָט זיך ניט געגליבט און עס האָט
זיך אַלץ געקלאַפּט, אַזעלכע וויינעק און עס

קענען שיין, און אלע מענטשן לעבן און פרייען זיך...
דער בלויער הימל האט געשווייבלט פאר אלעמען און
עס האט זיך ניט געזען קיין איין וואלקנדל, וואס זאל
קענען פארמאכן און פארשטערן דעם זונענשיין...

דער טאג פון זיג.

א וואך פון אונדזער פרייהייט איז פארפלויגן
אזוי גיך, אז מען האט זיך ניט אומגעקוקט.
און די ערשטע טעג פון מיין ווידער האט מען אלעמען
געמעלדן, אז אויפן אפעלפלאץ וועט זיין א יזכור
נאך אלע אומגעקומענע אידן, ווי מען האט געהערט
געזאגט איז אין זאמלען לאגער [illegible] אומען פון
3 טויזנט אידן, וואס הייסט לעבן געבליבן, ווייל
דורך דעם קרעמאטאריע זיינען דורך אסאך טויזנטער
אידן. עס איז געקומען אויך א מיליטעריש „דזשיפ"
א אמעריקאנישער אפיצער, ער האט אראפגענומען זיין
מיליטער-היטעלע און אנגעטאן אויפן קאפ א יארמלקע,
אנגעטאן א טאלעס און אויף אפן טריבונע. ער
האט געזאגט „קדיש" און „אל מלא רחמים".

מיר האָבן געפּליעשטשעט און געשטראַלט פון גליק... מיר
האָט ער געזען טעלעוויזער דיסקוטירן מיט שאַמפּאַניער, אויך
אַ טעפּל און אַ שטיקל פרוכט. כאָטש איך האָב שוין פון
לאַגער באַקומען צום עסן טאַבאַק מער און פּאַפּיר צו נעמען
מעדיצין וואָלט עס געווען געוויס גענוג, האָט זיך אַלץ
מיר געדאַכט, אַז עס איז ווייניק און איך קען זיך אַלץ
נישט אָנעסן...

אָבער ביי אונדז איז שוין געקומען אַנדער צייט, אַז
די פרייהייט איז געווען אַסאַך זיסער פון קאָנפעקטן
און אַנדערע עסנוואַרג... מיר האָבן נאָך אַלץ געלעבט
אין לאַגער. עס איז געווען וואַרעם — האָבן גאַס און
אויך אַפן הויף. עס איז געווען די שענסטע צייט פון יאָר-
טויזנט מאי. און יעדער מאי איז געווען דער שענסטער פון
אַלע וואָכנטאָג מאי אין דער וועלט... דאָס איז געווען דער
מאי פון יאָר 1945, דער מאי וואָס האָט געבראַכט גליק
און פרייהייט פאַר טויזנטער און מיליאָנען מענטשן,
דער מאי פון טרערן און שמייכלען, דער מאי פון פריי
און ערינערונגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע
ביימער בליען פריער פאַר דער צייט, אַז די גראָז
איז שוין לאַנג גרין געוואָרן און אַלעס איז אַזוי

[illegible] דער מיטינג האָט זיך געענדיקט און איך בין
געשטאַנען און געטראַכט: „ווי זעט דאָס אויס אַלעס.
אַט ענדיקט זיך האַלב די מלחמה, אַט האָבן זיך שוין
געענדיקט אונדזערע צרות. און דאָס אַלעס וואָס שרײַען
אין די וועלט היסטאָריע. צענדליקער טויזנטער זײַנען אויסגע
באַפֿרייט געוואָרן פֿון די לאַגערס און אַלע גייען צוריק
שווער צו קומען קיין פּאָלטשיצע. ייִדן, די היטלעריסטן
מאַכט האָט אָנגעמאַכט פֿיל צרות. טויזנטער רוינע
און שיינע מענטשן זײַנען אוועק פֿון לעבן נאָר דערפֿאַר,
וואָס זיי זײַנען ייִדן, אומגעקומען טויזנטער — וואָס זײַנען
געפֿאַנגען אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם און היטלעריזם.
און איצט איז געקומען די שעה פֿון נקמה!"
איך בין אוועק צוריק אין מײַן דאָרף. איך האָב פֿון
אונדזער דאָרף זײַנען שוין אוועקגעפֿאָרן אַהיים און עס
איז געווען איבער פֿרײַער פּלאַץ אין באַראַק. דער
לעצטער פֿאָלקזאַל, וואָס איז געווען פֿון אונדז, איז פֿרײַ
אוועקגעפֿאָרן און אַלץ וואָס מען האָט אים געבראַכט, און
אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אַוועק געגעבן,
פֿאַרלוירן און געלאָזט, דער פֿאָלקן זײַנער איז געווען
פֿאַרבראַכט און פֿאַרבוישעט, נאָר די [illegible] זײַנען

[illegible] אויף ווייטער ווידמענען דעם קאַמף קעגן ראַסיזם
און קעגן פאַשיזם, קעגן מיליטאַריזם און קעגן דעם
מען זאָל פאַרניכטן אומשולדיקע מענטשן!
מיר שווערן זיך! מיר שווערן זיך!!!...
אייניקע סעקונדן איז אויף דעם פּלאַץ געווען
אַ טויטע שטילקייט. אַלע מענטשן פון פּלאַץ האָבן
געקוקט אויף דעם גרויסן שטאָק מיט צוגעשטרייפטן
רעקל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טריבונע. אַ
הויכער, אַ מאָגערער, האָט ער פון ווייטן אויסגעזען ווי
אַ מאָנומענט פון מאַרמאָר. און ווען ער האָט צו אַלעמען
געזאָגט די ווערטער: מיר שווערן! — איז אַ מאָמענט
געווען שטיל און דאַן האָבן טויזנטער מענטשן פון
פולן האַרצן אַ געשריי געטאָן: „מיר שווערן!
מיר שווערן!" — און עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן ביז
דעם דעקל פון הימל. אין די אויערן איז געשטאַנען אַ
קלאַנג, ווי עס וואָלטן לעבן אונדזערע [illegible] [illegible].
איך האָב אויך דערקענט מיין שטימע, צווישן די אַלע טויזנ-
טער פון פּלאַץ... מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, אין
די אויערן האָט געקלונגען און עס האָט זיך געטרייסלט
די לופט פון די ווערטער: „מיר שווערן!!!..."

139 און זייער היימען, זייערע גליקלעכע לעבנס און
הערלעכע גוטע און שיינע קינדער און ניט פארלאזן
פריינטלעכע לענדער און פארניכטן מיליאנען מענטשן ווי דאס
האט געטאן היטלער מיט זיין באנדע פאשיסטן.
ניט ווייט פון פוילן, לעבן גרענעצשטאט לאגער-
טויער איז געשטאנען א גרויסער לאזונג אויף ענגליש:
„זאלן לעבן אלע אליאירטע נאציעס!" און פון דער
אנדער זייט — „זאלן לעבן די ארמייען פון די אלע
אליאירטע פעלקער!" לעבן דעם לאגער-טויער זיינען
געשטאנען אמעריקאנישע סאלדאטן און האבן רואיק אלע
אלעס געקוקט, געראכערט סיגארעטן און צווישן זיך
וועגן עפעס גערעדט.
אויפן טריבונע איז ארויס א טשעך, א גרויסער,
א באגאבטער און אויף דייטש געזאגט:
— ברידער פון באפרייטע אייראפע! מיר זיינען
יארן לאנג געווען אין דאכאו און אנדערע לאגערן.
מיר וועלן קיינמאל ניט פארגעסן אונזערע ברידער און
שוועסטער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין קאמף קעגן
פאשיזם. און איצט בעט איך אייך אלעמען, אז מיר
זאלן געבן א שבועה, אז מיר וועלן אונדזער לעבן

138 | געזאָגט די אַלעמען, אַז צענדליקער טויזנטער
מענטשן פֿון אַלע לענדער פֿון גאַנץ אייראָפּע, אַלע
וואָס עס איז געווען קלאָר היטלערן און דעם פֿאַשיזם,
האָבן געקעמפֿט און געווען אין אַסאַך קאָנצלאַגערן,
און טויזנטער פֿון זיי זײַנען אומגעקומען און זײַנען
פֿאַרבראַנט געוואָרן אין קרעמאַטאָריעס.
— איצט — האָט געזאָגט דער אַלטער פּאָליאַק —
שטייען די רוסן לעבן בערלין, די אַמעריקאַנער און
אַלע אַליִירטע אַרמייען ענדיקן צוקלאַפּן דעם פֿאַ-
שיזם און מיר ווינטשן זיי: וואָס גיכער עס צו טאָן!
איך בעט אַלעמען אַראָפּנעמען די היטלען און איין מינוט
שטיין שטיל דערמאָנענדיק פֿאַר אַלע אומגעקומענע מענטשן
וואָס זײַנען געפֿאַלן אין אַלע קאָנצלאַגערן פֿון דײַטשלאַנד!
נאָך דעם געוואָרענעם אויפֿרוף, ווי עס
זײַנען געשטאַנען אַסאַך טויזנט מענטשן איז געוואָרן
אַזאַ שטיל, ווי עס וואָלט קיין איין מענטש דאָרט נישט
געווען. אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ פֿאַרן אָנדענק
פֿון די טויזנטער פֿאַרברענטע און דערשאָסענע, פֿאַר
אומשולדיקע קינדער פֿון אַלע לענדער פֿון אייראָפּע,
וועלכע האָבן געוואָלט נאָר איין זאַך — לעבן

137) איך האָב אויך באַקומען פון אַ פּאַקן.צ.ו.ז. עטלעכע
ביסקוויטן און אַפּילו שאָקאָלאַדענע קאַנפֿעטן, וועלכע
כ'האָב נישט געזען אין די אַלע יאָרן לאַגער. זייערע
געקוועטשטע מיט די אָרגאַניזאַציעס קאָנקשוועסטער, האָבן מיר
זיי געלאָזט געמאַכט, זיי זענען צוגעגרייט און זיי
געמאַכט די טשעמאָדאַנעס, פאַרבונדן די ווינדן, וואָס
מ' האָט געטראָגן און געקליבט אויף די האָספּיטאַלער
ווי אויף קליינע קינדער. זיי זיינען אַוועקגעפֿאָרן
גלייך פֿון דאָרטן אַהיים צו זיך אין די לענדער.
האַלב זיינען אַוועקגעפֿאָרן אויך די ענגלענדער,
אַמעריקאַנער, געוועזענע קריגסגעפֿאַנגענע און פֿראַנצויזן.
זיינען אַוועקגעפֿאָרן אַלע דייטשן, וואָס זיינען אויך
געווען אין קאָנצענטראַציע לאַגער געפֿאַנגען. זיינען
נאָך די רוסן, פּוילישע בירגער און יוגאָסלאַווען. די
אונגאַרן האָט מען אויך באַלד אָפּגעשיקט.
אויפֿן לעצטן מיטוואָך דעם לעצטן מײַ, האָט מען
אַוועקגעשיקט אַ טראַנספּאָרט, די רוסן זיינען געקומען מיט
רויטע פֿאָנען, די יוגאָסלאַווען מיט זייער פֿאָן מיט
אַ רויטן פֿינפֿעקן שטערן. אויפֿן טראַנספּאָרט איז אויך
אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אין דייטש

ווייל די מאַגנאַטן זיינען געווען זייער צופֿרידנגעשטעלט,
אַז די אַרבעטער האָבן געטריבן די מאַשינען שנעלער
געלאָזן וועגן באַצאָלט צום לאָן, אָבער זיי האָבן ניט
געוואוסט דעם דיסטאַנס פֿון די געוואַלדיקע רעוואָלוציעס,
וואָס האָבן געדרונגען אין לאַנד...
נאָך אַ לאַנגער מיינע באַקאַנטע, האָב איך אויך
געזעצט ניט צום לאָן. די גאַנצע פֿליישמאַרקעט און זיי
זיינען מיר שטאַרק געווען באַקאַנט דערפֿאַר.
איך דעם אַנדערן טאָג. איז געווען דער ערשטער מײַ.
פֿאַר די אַרבעטער איז עס געווען אַ גרויסער יאָנטעוו און
זיי זיי אין לאַגער זיינען געווען אַזוי רויק, יונגאַטשאַן,
פֿולן און אַזאַ געשטאַלט סאָציאַליסטן, האָט וועלן גיין
דעם פֿאַראַיין אויפֿגעהויבן אַ מיטינג. דו דער צייט
זיינען שוין אָנגעקומען אַוועקגעפֿאָרן פֿון לאַגער די
פּראָצעסיעס, הונדערטער און טויזנטער. די וואָכע מען
האָט גלייך געזען גרויסע אַרבעטער, מען האָט
זיי געזאָגט פֿאַרזיך, אויפֿגערעגטער, ראַנגירן זיך,
שיך, לאַנגזאַם און פֿילע מענטשן. זיי האָבן שטאַרק
געגאַנגען שנעל צוגעאײַלט, פֿון די טעריטאָריע, וואָס מען
האָט זיי געזען, האָבן זיי שטאַרק דערציילט און

די ברויט האָב איך אויפֿגעגעסן די גאַנצע, אָבער
די פֿלייש — נאָר אַ העלפֿט. און עס האָט זיך מיר געוואָלט
אויפֿעסן די גאַנצע! און דאָס איז געווען מײַן „גליק",
וואָס איך האָב שטאַרק ניט געקענט אויפֿעסן. ווײַל
נאָך מיטאָג האָט זיך אויסגעשטעלט אַ „שריסערײַ" אין
טוואַלעט... אַזאַ מענטשן, די וואָס האָבן זיך ניט געקענט
אײַנהאַלטן און אויפֿגעגעסן די גאַנצע פֿלייש מיטאָגמאָל, האָבן
זיך געוואָרפֿן זיך קאָרטשען פֿון ווייטיקן, ביז עס טוט זיי
וויי די בויך און זיך געוואַלגערט אויף די שוועלן און
געלאָפֿן אַלע ווײַלע אין טוואַלעט. איך בין אויך ניט
געווען קיין אויסנאַם, אָבער עס איז שטאַרק געווען גרינג,
וואָס איך האָב זיך אַ ביסל אײַנגעהאַלטן און אויפֿגעגעסן
נאָר אַ העלפֿט פֿון די פֿלייש. אַ גאַנצע נאַכט האָט
דער גאַנצער לאַגער ניט געשלאָפֿן, מען האָט געשטאַנען
אין ריי לעבן אין טוואַלעט. עס זײַנען אויך געווען שפּעטער
מענטשן, וועלכע האָבן אויפֿגעגעסן צו צוויי פּאַקעטס מיט
פֿלייש מיט איינמאָל, און ווי מען האָט אונדז געזאָגט,
זײַנען עטלעכע צענדליק מענטשן געשטאָרבן פֿון
די גרויסע שמערצן וואָס זיי האָבן געהאַט און זייער
פֿיל האָבן ניט געקענט עסן נאָך עטלעכע טעג.

134ב) באַ אײַך זײַנען שװאַכע מאָגנס... איך האָף, אַז איר פֿאַרשטײט דאָס. באַלד װען מען אײַך ברענגען עסן און קאַװע קענט איר טרינקען, װיפֿל איר װילט. נאָך אַ מאָל באַגריס איך אײַך מיט אײַער באַפֿרײַאונג...!!!

אַלע האָבן װידער געשריגן און געװאָרפֿן זײערע היטלען אין דער הײך, און געשפּרונגען פֿון פֿרײד.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז צוגעפֿאָרן די גרױסע פֿור צום פּלאַץ און אַלע האָבן באַקומען אױף צװײ מענטשן אַ גאַנצן לעבל ברױט און יעדערער אַ גאַנצע בלעכערנע פּושקע מיט פֿלײש-קאָנסערװן. גלײַך האָט מען זיך געזעצט און אָנגעהױבן עסן. מיט אַ שטיקעלע פֿון אַ װאָרער האָט מען געעפֿנט די קאָנסערװן, װײַל עס געװען װאָס װי אַ האַלבע קילאָ פֿרישע, פֿעטע, שײנע און שמעקעדיקע פֿלײש! אמתע רינדערנע פֿלײש!

איך האָב שױן אַ צװײנער נישט געגעסן גאַנצע פֿיר יאָר! אָבער אײַנדרוקספֿולער זײַט האָב איך זיך דערמאָנט די װערטער פֿון באַקאַנטמאַכער: „באַ אײַך זײַנען שװאַכע מאָגנס, זײַט פֿאָרזיכטיק מיט די פֿלײש..." — איך האָב געגעסן ברױט און געקױפֿט אַ קלײנע שטיקעלע פֿלײש און געזען, געקײַט, געשפּירט דעם טעם פֿון פֿלײש.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט מען אַוועק ווידער טויז-
געצײלט. עס איז געווען די טאָג דינסטיק פֿון לאַגער.
אָבער איצט האָט עס אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. דער פּאָליציי,
הינטערדקער שטובנעלטסטער איז אַרויס פֿון זײַן קלײנעם צימער
אין די צווייטן אַנצוג, שוין נישט דעם דרײַסיקן מיטן לאַגערנומער
און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. און דאָס איז די אַנדערע צוגעגאַנגען
צום דער בלאָקעלטסטער און געהאַלטן אַ רעדע:
— פֿרײַע בירגער!!! פֿון הײַנטיקן טאָג אָן, זײַט איר
אַלע איצט פֿרײַע בירגער פֿון אַ נײַער לענדער און איך
באַגריס אײַך מיט דער באַפֿרײַונג!!!
אַלע האָבן אָנגעהויבן שרײַען „הוראַ", „באַפֿרײַונג" און
„פֿרײַהייט!"
דער בלאָקעלטסטער האָט ווײַטער געזאָגט:
— נאָך עטלעכע טעג וועט אַלע פֿון אײַך וועלן קענען
פֿאָרן יעדער צוריק אַהיים, אין זײַן שטאָט, אין זײַן לאַנד!
איצט האָב איך אײַך מיטצוטיילן, אַז צוליב דעם וואָס מיר האָבן ניט
הײַנט די קיך-קעסלען וואָס איר הײַנט באַקומט צו עסן אַלע
באַקומען אַ האַלבן לאַבן ברויט און יעדער אַ פּושקע מיט
פֿלײשקאָנסערוון! זאָלט איך האָבן אײַך אַלע מיטצוטיילן
צעטיילט איר ניט עסן. עסט, זאָלט זײַט פֿאָרזיכטיק, ווײַל

132 פאַרגעסן? צו לעבן זיי און ווי זיינען זיי? און
ווי איז מיין ליבע מאַמע? צו איז זי געבליבן לעבן?
מען האָט זיי געפירט אין אַנדער שטעטל, דאָס האָב איך
געהערט, אָבער עס איז אַ גרויסער אומגליק געווען, מער ווי 9
באַוועגונג צייט, און דאָס איז יעדער טאָג ווי אַ יאָר. וואָס
איז מיט איר, מיט מיין שוועסטערקינד סאַניע, מיט מיין
באָבע? ווי זיינען זיי און צו לעבן זיי?"
טויזנטער פראַגעס, קריכן איינע אויף די אַנדערע,
און מען פאַרשטייט ניט צו קלערן וועגן איינער קיינער גלייך
די צווייטע, אַזוי פיל פראַגעס און ניטאָ קיין איין
ענטפער אויף זיי! און איך ווייס, איך שפיר, אַז מיינע
ליבע און טייערע טאַטע מאַמען וועלן מיר אויך דאָס
זאָגן, וואָס איך וויל זיי... אָט איז געקומען דער טאָג
דער 29 אַפּריל 1945, דער טאָג פון באַפרייאונג
פון לאַגער דאַכאַו! און מיר זיינען פרייע מענטשן און
עס איז גוט, עס וואָלט זיין גאָר גוט און, דערווייל דאַרף
מען שלאָגן... אויף די דייטשע נאַציס, וואָס נעמען, ווידער
און די דייטשע געשטראַפטע הייזן, ווידער מיט אַ גוטן,
שיין אָנגעטאָן מיט אַ גרויסער האָפענונג, אַז מען איז פריי,
אויסגעוועבט זיין גליק; ס'וועט זיין גוט...

131 העפטלינגע האבן געשטופּט און געשלאגן אײנציקע
א יונגן הפטלינג, וועלכער האט מיט זײנע רײד
פארהעטעלט זיך פון די קאפּא, וואס יעדער האט געוואלט
אים געבן.
— שלאגט אים! — שרײען אלע שטשריען — גיט אים קלעפּ!
מען דארף אים פארניכטן! פאשיסט, פארשאלטענער!!!
איך האב געפרעגט וואס איז געשען, האט מען מיר
געענטפערט, אז דאס איז א מענטש, פון די ווארשעווער
לאגער. ער האט געדינט א געשטראפטער הפטלינגס רעקל,
נאכער אײנער האט אים דערקענט, מען האט אים אויסגעזוכט
און אויסגעפונען זײן נאמען, געפונען די טאטאוירונג פון
ס.ס. מען האט אים לאנג נאך געשלאגן, ער איז שוין
געווען מיט א פארקריפּלטן פנים, ביז עס זײנען געקומען
2 אמעריקאנער און האבן אים אוועקגעפירט.
איך בין שוין מיט די לעצטע קריפּטס דורך א טויער
אין סאָ-טען פלאץ, ווי מען האט געדארפט ווארטן, ווײל עס
איז שוין געקומען דער צוג. א פארמאטערטער, א
פרײער און גליקלעכער, בין איך ווידער געלעגן אויף
די ציגלעך-נארעס און פארשידענע געדאנקען זײנען
געקראכן אין קאפּ. „ווו איז מײן פאטער, מײן

1.30 אַלף יאָר ... געשלאָגן און ווידער גענומען עס...

איך האָב געקײַט און געשפּײַט די סטאַטיסטיקע און געגאַנגען אַרויסגעטראָגן גאַס. די פֿיס האָבן ווי געטאָן, באַטש איך בין געווען, דאַכט זיך, גאַנץ באַפֿרײַטער...

עס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פֿיר מיט 2 פֿערד, אויפֿן פֿויר זײַנען געזעסן עטלעכע פּאָליציי און פֿון די פֿענצטער פֿון געוואָרפֿן סיגאַרעטן „יונאָ" פֿאַר די הונגעריקע, וועלכע זיי האָבן געטראָגן אין וועג. איך האָב אויך געכאַפּט עטלעכע פּעקלעך. וואָלנדיק עסן בין איך אַוועק אַרויף די טרעפּלעך גאַס צו די יאַגעלאָנער קיך. אַפֿילו טראַכטן זײַנען געשטאַנען אַ ... עטלעכע ... און די קיך איז געווען צוגעשלאָסן. מען האָט געזאָגט, אַז די דײַטשן פֿאַר דעם האָבן געוואָלט צוצוגרייטן עטלעכע קעסלען און נאָך עפּעס און האָבן, פֿאַרשטייט זיך, וועט קיין מיטאָג שוין ניט זײַן.

ווי לאַנג בין איך פֿרײַ! — האָב איך זיך געטראַכט — אַפֿילו גײַ קיין ... און זאָג וואָס צו מיר עסן. צו דעם האָב איך אָבער זיך פֿאַרגעסן די פֿרײַהייט ...

אַזוי ... האָב איך צווישן די פּלאַקן ... אַ געשרײַ מיט אַ טאָן. עטלעכע ... געוואָרן

129) — פֿון וואַנען קומסטו, יונגערמאַן?

— איך האָב אַ ביסל געלערנט אין שול — האָב איך אים געענטפֿערט.

— דײַנסטן? אַ דײַטשישער — האָט ער געפֿרעגט.

— נײַן, עס צעשני! — (איך בין אַ ייִד) — האָב איך אים געענטפֿערט.

— וויפֿיל בינסטו אין לאַגער? —

— פֿיר יאָר, האר סאָלדאַט!

— אָ! פֿיר יאָר? און ווי אַלט בינסטו? דו בינסט דאָך נאָך גאָר אַ יונגער!

— מער ווי 18 יאָר אַלט — האָב איך אים געענטפֿערט — איך בין הונגעריק און וויל עסן!

דאַן איז צוגעגאַנגען נאָך אַ סאָלדאַט, פֿאַרשטייענדיק וואָס מיר רעדן, אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ האַלבן ברויט און געגעבן מיר. איך האָב גלײַך צעריסן דעם צעלאָפֿאַן, די אײַנפּאַקונג און מיט מײַנע ציינער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די ברויט, ווי פֿאַרגעסן, געגעסן. דער עלטערער סאָלדאַט האָט מיר געגעבן עטלעכע ביסקוויטן, וועלכע ער האָט געהאַט. איך האָב זיי באַקומען און אין צוויי מינוט אַרום, האָב איך

128) מיט אַ שמייכל געענטפֿערט:
— נאַני, נײַ האָסו נאָך! (טאַטע צו מיר!)
אַנשטאָט פּרוּװט האָט ער פֿון קעשענע אַרױסגעשלעפּט אַ
פּעקל סיגאַרעטן „קעמעל", געגעבן מיר, אַ װוּנק געטאָן
מיטן האַנט און אַװעק װײַטער.
איך האָב באַשלאָסן די סיגאַרעטן אױפֿהײטן אַף
פּורים. איך האָב זיי אַװעקגעלייגט אין קעשענע און פֿון
געגאַנגען װײַטער. עטלעכע מענטשן זײַנען געגאַנגען
און געטראָגן סאָװעטישקעס און איך האָב געפֿרעגט, װוּ האָבן
זיי דאָס גענומען.
— גוט אין יענעם קעלער איז פֿול מיט זיי!
איך בין אַװעק אַהין און אַרײַן אין געבײַדעל צוזאַמען
אין קעלער און דערזען אַ גאַנצן האַרט מיט סאָװעטישקעס.
אַלע מײַנע קעשענעס און מײַן היטעלע זײַנען גלײַך
געװאָרן פֿול מיט סאָװעטישקעס און איך האָב זיי אַװעקגעלײגט
אַהײם. אָבער זאַט בין איך ניט געװאָרן. דאַן האָב איך
דערזען נאָך אַ אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַ גאַנץ שײנער
יונג, און איך געפֿרעגט אים אױף ענגליש:
— מיסטער סאָלדזשער, האָסו יו בראַנדי?
ער האָט אױף מיר אַ קוק געטאָן און געפֿרעגט:

1947 אַוועקגעלאָפֿן און אָנגעהויבן שיסן פֿון קוילנשטאָל.
עס לויפֿט אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, טאַקע פֿון מיליטער
זייט, האָבן אָנגעהויבן אין אים שיסן און גלייך שנעל איז
ער פֿון טורעם אַראָפּגעפֿאַלן. אין טורעם האָט זיך
באַוויזן אַ פּאָליציאַנט אין אַ געשטרייפֿטע מונדיר און ער
איז... געוואָרן שטיל געוואָרן.
אין דער צווישן־צייט האָט מען געעפֿנט פֿון דער
אַנדערער זייט דעם הויפּט־טויער און מען איז געלאָפֿן
איבער די צוויי געסער אַרויס פֿון לאַגער. מענטשן האָבן
געוויינט, געשריגן, געלאַכט, געשפּרונגען, געטאַנצט און ניט
געקענט זיך קיין אָרט. ניט ווייט פֿון דעם טויער
טורעם איז געלעגן אַ טויטער, אַ שוואַרץ־גרוינדעלער,
אַפֿילו נאָך אַ לעבעדיקער, ער האָט מיט זיינע
לעצטע קרעפֿטן געוואָלט נעמען זיין געווער, אָבער
אַ אַמעריקאַנישער סאָלדאַט האָט אים דערשאָסן און
ער איז געבליבן ליגן. דער סאָלדאַט האָט גענומען
זיין פּיקס אַוועק פֿליגל און איך בין צו צו אים.
— הער סאָלדאַט! גיט מיר ברויט אַ שטיקל ב!
ער האָט אויף מיר מיט גרויס אינטערעס אַ קוק געטאָן
איבערגעוואָרפֿן אין מויל זיין קייגומי און מיר

126) לעגערוואַך, וועלכער איז געלעגן אַ צעשאָסענער,
מיט פונדערצעשאָסענעם האַר, מיט אַ נייעם פּנים,
מיט אַ קלאָגיק־פֿאַרוואונדערטן בליק. קלאָר די שענסטע איז געווען
דאָס ער איז געלעגן מיט אויפֿגעהויבענע הענט! גלייך
האָבן די האַפטלינגער זיך שוין געגעבן צו אים און אים
געוואָלט הרגענען, קלאָר אין דעם מינוט האָט זיך
באַוויזן אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, וועלכער האָט אויף
ענגליש אַ געשריי געטאָן — מען טאָר אים ניט שלאָגן, ווייל
ער וועט אים נעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און פֿירן וווּהין
מען דאַרף. קלאָר דאָך האָבן אייניקע יונגע האַפטלינגער
באַוויזן אים עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ צו טאָן.
אויפֿן צוזאַמענציִען פֿון 28־סטן אַפּריל אויסגעבראָכ־
ן נאָך עטלעכע יאָרן איין געשרייען:
— וואָס קוקט איר? שלאָגט די דייטשן! פֿרייהייט!
זאָל לעבן די פֿרייהייט!!!
איך האָב אויך געשריען, געלאָפֿן מיט מיינע
לעצטע כּוחות און געטרויערט און געצווייפֿלט — ווי קען
מען קריגן עפּעס אַ ביס צו טאָן.
פֿון דעם ווייטן צווייטן לאַגער, אויף אַ ווינקל־טורעם איז
געווען אַ מאַשין, וועלכער האָט זיך ניט גערירט

125 באַוואָרנט האָבן מיט אַן אײַזן אָנגעהאַקט דעם
האַלט פֿון די סטעלאַזשעס, און נאָכדעם האָבן מיר
דערזען פֿון יענער זײַט דראָט עטלעכע סאָלדאַטן
אין די אוניפֿאָרמען פֿון אַמעריקאַנער אַרמיי.
אינדערצײַט איז שוין געווען צעריסן דער דראָט און
מען האָט געלייגט לאַנגע ברעטער איבערן גראָבן
און שוין געשלעפּט מיט אײַזנס דעם צווייטן צוים,
פֿײַנטלער [illegible]. פֿון דער ווײַטן האָט זיך נאָך
געהערט אַ שיסערײַ. אַלע האָבן געשריגן, געפֿרייט
זיך, געשפּרונגען פֿון פֿרייד און ניט באַרואיקט
וואָס מען דאַרף טאָן ווײַטער. אונדזערע [illegible] צײַט
האָבן אַלע אָנגעהויבן לויפֿן איבער די אַוועקגע-
לייגטע ברעטער איבערן גראָבן און אָנגעהויבן
אַרויסגיין פֿון לאַגער. איך בין אויך אַריבער
דעם גראָבן, נאָר ניט געוווּסט ווי ווײַטער צו
גיין. איך האָב דערזען אַנטקעגן זיך אַ יונגן יאַט, אין
אַ ציווילן אָנצוג מיט אַ רויטן דרײַעק און לאַגערנומער מיט
אַ ביקס אין דער האַנט. ער האָט געפֿירט פֿאַר זיך אַ
דײַטשן מיט אויפֿגעהויבענע הענט אין דער הייך. דאָס איז
געווען מײַן ערשטער געזעענער סאָלדאַט פֿון אונדזער

(1204) לעצטער פֿון די לאַנגער פֿליגן איז געשטאַנען דער
טורעם מיט וואַכלײַט. (אַ דרײַשטאָקיקער צייגל־טורעם מיט
קוילנשיסער אײַנגעהאַקט). און פּלוצלינג האָט איינער אָנגעהויבן
שרײַען, קוקנדיק אויפֿן טורעם:
— קוקט נאָר אַהין! אַ ווײַסע פֿאָנע אויפֿן טורעם!
מיר האָבן טאַקע דערזען אויפֿן טורעם אַ ווײַסע פֿאָן,
עפּעס אַ שטיקל ווײַסן לײַלעך אויף אַ שטעקן, און
דאָס האָבן געהאַלטן די שיסער ניט ווײַט פֿון אונדז, היטלער
לאַגער־צײַכן און היטלערן לאַגער־געטאָ (אַ דרײַ מע־
טערדיקער גראָבן אַרום דעם גאַנצן לאַגער). און אין דער
צווייטער מינוט האָבן זיך געהערט געשרייען פֿון דעם אַנדער
זײַט פֿון אונדזער בלאָק:
— פֿרײַהייט! פֿרײַהייט! — מען האָט אָנגעהויבן
שרײַען פֿון אַלע זײַטן. מיר זײַנען געלאָפֿן און ניט
געוווּסט וווּהין צו גיין. טויזנטער זײַנען אַרויסגעלאָפֿן
פֿון די באַראַקן און אַלע האָבן געשריען און ניט
געוווּסט וווּהין צו גיין. עטלעכע הונדערט, יונגע
מענטשן האָבן אַרויסגעלאָפֿן צו דער לאַגער טויער
פֿון די היטלעריסטן און אָנגעהויבן מיט זיי
שלאָגן אויפֿן שטיקן דאָרט. און נאָך עטלעכע

123 איז געווען נאָך, ווי עס וואָלט גאָר ניט זײַן קיין באַזונ-
דערן שטאָט, און אױפֿגעהערט ניט קיין מיליטער.
באַגעגנט האָבן מיר שוין געהערט אַ שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿער,
ווי גאָר נאָענט פֿון אונדז. מיר זײַנען אױפֿגעשטאַנען אױפֿגעפֿרײט,
טויזנטער מענטשן זײַנען שוין ניט אױפֿגעשטאַנען, און מען האָט
זיי אַרײַנגעשלעפּט אין וואַש-צימער און אַוועקגעלײגט אין
אַ רײ. שפּעטער זײַנען מיר אַרויס אױפֿן גאַס און געוואַרט
מען טײלט שוין פֿרײַגעבן אונדזער שטיקעלע ברויט. באַלד
איז צום בלאָק-טויער צוגעפֿאָרן דער גרויסער וואָגן
מיט די ברויט, דער שטאָטעלטער האָט ווײַטער אונדז
פֿאַרשריבן, ווײַטער גיך אַראָפּגעשלעפּט די שטיקלעך ברויט
און פֿאַרזאָרגט מיט אַ קאָפּע און צוקער אין דער צעלעלער
צײַט האָבן מיר דערהערט דעם „האַנדלער-באַליגראַם" —
דאָס הייסט ניט קיין לופֿט-אַלאַרם, נאָר אַ סירענע פֿון
גיבער הויז און ניצערקער הינטער, וואָס באַדײַט אַז עס
זײַנען אָנגעקומען ניט קיין אַעראָפּלאַנען, נאָר האַנדלער, טענדלער
שמוגלער, און דער פּרײַז איז דערפֿאַר. ניט האָבן מיר
דערהערט אַ שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿער, פֿון מאַשינען-געווער,
און שפּעטער אײנצלנע שיסערײַען פֿון ביקסן...
הינטער אונדזער בלאָק, וואָרן איז געווען דער

122 | אַז מע וועט וועלן מיר זיך האַלטן אָנגעטאָן, מע וועט קומען
די שעה פון די פּרעזענץ. אַפילו האָבן די דײַטשן אויך געוואָלט
עפּעס דיסציפּלין, ביז פּיז די לעצטע מינוט האָט די
אויסשרײַ פון לאַגער־געזעצן געהערט ווי אַ גרויסער צײַכן.
מיר האָבן שוין געזען, שוואַכע און קראַנקע, געטויטע
ווײַטער קאָמאַנדעס, ווי מע שיסן די פּאַרטיזאַנען, ווי מען
באַוואַכט די שטעט און דער פראָנט איז גאָר ניט
ווײַט/הינטן, עס איז אַלץ שוין געווען. אַפילו וואָס
האָט מען יעדן אײַנצעלנעם אויסגערופן נאָך די נומערן,
געשטעלט אײַנגעשפּאַרט אין שטיקער דרויסן מיט אַ גאַנצן און
אַ פּיסקער קאָפּ. פאַרשריבן דעם נאָמען. און די וואָס האָבן
ניט געהאַט קיין קליידער אויסגעטאָן און גיין נאָך זייער
דרויסן זײַנען שוין געבליבן ליגן אויף דער ערד. באַלד, דערנאָך
זיך ווידער באַוויזן גרויסע אַמעריקאַנישע אַעראָפּלאַנען און
געפלויגן איבער לאַגער אַזוי נידעריק, אַז מען האָט געזען
די פּילאָטן. דעם 28־טן אַפּריל — אַ טאָג פאַר דער
באַפרײַונג — האָט דער שטובנעלטסטער גענומען צעטיילן
פּאַקעטן דרויסן, וואָס זײַנען געבליבן פון די, וואָס האָבן שוין
ניט געקענט קומען נאָכן ברויט. מען האָט ווידער געגעסן
אין קעסלען צופּ, געגעסן דעם גאַנצן האָפּ און גיך

דער פרימאָרגן פון פרייהייט...

פון אַלעס דאָזיקן האָט מען געשפּירט, אַז די
מילכאָמע דאַרף זיך גאָר שנעל ענדיקן. קיין דאַטומען האָבן
מיר נישט געוויסט, קיין ראַדיאָ — פאַרשטייט זיך — נישט געהאַט,
געווען אָפּגעריסן פון לעבן פון דער גאַנצער וועלט, אָבער
דאָך האָט מען געשפּירט אַז די לעצטע טעג
דאַרף עפּעס געשען.

נאָך שפּעטער האָבן מיר זיך שטאַרק דערוווּסט, אַז
אין דאַכאַו זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט
ראַדיאָ, עס זײַנען געווען גרופּעס פון מענטשן, וועלכע האָבן
געהאַט געפירט אונטערערדישע טעטיקייט און שפּילן גאַנצע
אָרגאַניזאַציעס פון ווידערשטאַנד. אָבער דאָס האָט מען אונדז
געוווּסט שפּעטער. אין יענע לעצטע טעג וועלכע
זײַנען שטאַרק געפֿילט ה״ג. בײַ דער באַפרײַונג האָבן
מיר נאָך געהאַט אַ סך צרות מיט איבערלעבונגען.
אין 30-טן אַפּריל, האָט מען אונדז געפירט דעם
22 אַפּריל 1945. די זײַנען פאַרבײַ לעצטע טעג, טעג
פון הונגער, פון מאַנגלעניש לעבן און מיט טרוימען

120) ווייל געהיילט האָט מען קיינעם ניט, פון בלאָק האָט
מען קיינעם ניט אַרויסגעלאָזן און מיר האָבן געוואַרט
נאָר וואַרטן. ביז מען זאָל אונדז באַפרייען, טאָמער מיר
זאָלן. ווערן טיפוס-קראַנקע און דאַן איז דער וועג אויף
אייביק, אין קרעמאַטאָריע...
באַנאַכט פלעגט מען שלאָפן אויף די האַרטע געריכטע
צעשטערקט איינע צו די אַנדערע. און נאָר אויף איין זייט: אַלע
אויף די רעכטע זייט, און אויב עס פלעגן ווייטאָן די זייטן,
פלעגט מען געבן אַ געשריי און מען פלעגט זיך אַלע
איבערקערן אויף די אַנדערע זייט. און אַז מען פלעגט
אויפשטיין אינדערפרי איז פון די גאַנצע ריי מיט די מענטשן
עמעצער געבליבן ליגן אַ טויטער - וואָס קען זיך שוין ניט איבער-
דרייען אויף דער אַנדערער זייט, ווייל ער איז שוין ניט קיין
לעבעדיקער. אין דריטן טאָג האָט זיך שוין ניט געקאָנט
איבערקערן אויף אַנדער זייט, מיין האַלבע שוועסטער באַשקענעלע,
וואָלט ער (זיין פאַמיליע געדענק איך ניט) וועלכן מען
האָט אַוועקגעלייגט אין וואַשצימער און צוזאַמען מיט די
אַנדערע טויטע קערפּערס אַוועקגעפירט אין קרעמאַטאָריע.
ווייטער זיינען אַמעריקאַנישע-אַעראָפּלאַנען איבער
לאַגער געפלויגן, פּונקט ווי באַלד זיך איינגעדרייט.

119 צווישן זיך ריידן אַלע צײַט שפּראַך־יאַדיש, דײַטש האָבן אַלע געמוזט וויסן.

פֿאַרנאַכט פֿלעגט מען ווידער קריגן קאַפֿע. און פֿון אַזאַ עסן, אַפֿילו שוין ניט אַרבעטנדיק, פֿלעגט מען ווערן שוואַכער פֿון יעדן טאָג. און אין לאַגער איז געווען אויסגעבראָכן טיפֿ־(טיפֿוס) קראַנקע, מיט גרויסן טעמפּעראַטור, פֿלעגט מען נאָר ניט קלאָגן, נאָר ניט וועלן עסן אַ וואָך צײַט. און דאָס איז שוין געווען די ענדע פֿון מענטשן. ווײַל נאָך די וואָך הונגער און מיט אַ גרויסן טעמפּעראַטור, פֿלעגט זיך דערנאָך שרעקליך וועלן עסן. און דאָס איז ניט געווען. און אַזוי־הונגעריקע־ פֿלעגט מען שטאַרבן אויף די נאַרעס. אויסער דעם איז אין לאַגער געווען שמוציק און פֿיל לײַזיקע — און די לײַז, האָבן איבערגעטראָגן די קראַנקײַט פֿון איין מענטשן צום צווייטן. און אין סטייט פֿלעק, וואָס איז געווען אײַנגעצוימט אַ פֿאַרמאַכטער קאַראַנטין־פֿלאַץ, און קיין דײַטשן פֿלעגן איבערהויפּט אַהין ניט אַרײַן, ווײַל זיי האָבן פֿאַרשעמט מײַער געראָט ניט זיך ווערן קראַנק, זײַנען טויזנטער גאָר לײַז און שמוץ און מיר אַלע זײַנען געווען ~~וואַקער~~ אונטער אַ גרויסן געפֿאַר צו ווערן קראַנק.

118) וואַרעמער צופֿ, אָבער עס האָט זיך געזען שוין, אַז
עס האָט אַפֿילו קיין קוילע ניט צוקומען.
אויך דיין גרויס אין הויף צווישן די בלאָקן 28
און 30 - די צוויי האָט געוואַרעמט. מענטשן זײַנען געזעסן
אויף בריקלעך, געלעגן אויף אויפֿגעבלאָזט און געוואַרעמט זייערע
אויסגעדאַרטע ביינער. אַלע האָבן זיך קוים באַוועגט,
לאַנגזאַם געשטעלט די פֿיס, און עס האָט אויסגעזען ווי אין
אַ פֿילם, וואו מ'האָט געשפּילט לאַנגזאַם, ווען אַלע באַוועגן
זיך קוים. איינער מענטשן האָבן אויך לאַנגזאַם צווישן
זיך גערעדט. און קיינער האָט אַלע אויף דײַטש. ווײַל אויב
אַ מענטש האָט ניט געקענט רײדן דײַטש, אָדער אויב ער
האָט ניט פֿאַרשטאַנען די שפּראַך דעם איז געווען גאַנץ
ניט גוט. אַז די מאַנסטערס, אָדער וואַכלײַט אויף דער אַרבעט,
פֿלעגן שרײַען אויף אַ מענטשן, אָדער אויך עפּעס באַפֿעלן און
ער האָט גלײַך ניט אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל, פֿלעגט
מען אים שלאָגן מערער ווי דעם וואָס פֿאַרשטייט דײַטש.
אַצינד אַרום, אַז ווער עס האָט געוואָלט בלײַבן אים צו זײַן
בעסער, האָט געפּרוּווט פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון זײַנע
געמיינער. עס זײַנען אין לאַגער געווען אַסך פֿראַנצויזן,
האָלענדער, בעלגיער, יוגאָסלאַוון, אונגאַרן - וועלכע פֿלעגן

117) געאַרבעט אין דאָנבאַס. דאָס איז ער געווען שוואַך,
קראַנק און איצט ליגט ער און קען ניט אויפֿשטיין. אין דערפֿריק
האָט ער געהאַט אַ אייגענעם געשעפֿט, דער גרעסטער אין זייער
קליינער שטאָט און האָט אַלעמען פֿאַרקויפֿט די בעסטע און
שענסטע דעליקאַטעסן און דאָס שטאַרבט ער פֿון הונגער...
און מיר האָבן דערהערט אינעווייניק די שטימע פֿון
אונדזער היגער פֿאַליאַק, מען דאַרף גיין באַקומען זופּ. איך
בין אַוועק, ווען האָט מיר דערלאַנגט אין אַ אַלומיניומענער שיסעלע
אַ ביסל וואַרעמע וואַסער מיט גרויפּן און איך האָב עס גלײַך
אַרײַנגעשלונגען. איך האָב געזאָגט דעם שטובנשרײַבער,
אַז לעבן מיר ליגט אַ קראַנקער הענטלער, וועלכער קען
ניט גיין נעמען דעם זופּ. דער פֿאַליאַק האָט אַ קוק געטאָן
אויף מיר און געזאָגט:
— ווילסט נאָך אַ פּאָרציע?
— ניין, — האָב איך געענטפֿערט, — ניט פֿאַר מיר, פֿאַר מײַן
קראַנקן שכן פֿון די נאַרעס! ער קען ניט גיין און איך
וועל אים ברענגען זופּ!
— ווי איז זײַן נומער?
איך האָב אים געזאָגט זײַן נומער און אים אויסגעטיילט
אַ שיסעלע מיט זופּ. ער האָט לאַנגזאַם געשלונגען די

116) מער קיינמאָל ניט צען...
איך האָב אים געזאָגט, אַז מען טאָר זיך ניט אַזוי
צעפּלאָנטערן, אַז גאָר גיך, עפּעס אין אַ וואָך, וועט זיך אַלעס
ענדיקן און ער וועט פֿאָרן אַהיים צו זײַן פֿאַמיליע.
— דו ביסט אַ גוטער אינגל און אַ אָפּטימיסט —
האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ שוואַכן שמייכל — אָבער מיר
איז אַזוי שלעכט, אַז כ'האָב מורא, אַז איך וועל שוין דאָס
די באַפֿרײַונג ניט דערלעבן...
איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז טאַקע שוואַך און
קראַנק, און העלפֿן האָב איך אים ניט געקענט...
איך האָב אים געבראַכט אַ ביסל וואַסער. און אַזוי
ליגנדיק האָט ער מיר שטילערהייט, מיט אַ שוואַכער שטימע,
דערציילט זײַן לעבנסגעשיכטע. אים איז געווען שוין מער
ווי 60 יאָר אַלט, ער האָט געלעבט אין אַ קליין שטעטל, געהאַט
אַ גרויסע אײַגענע הויז, שיינע גוטע קינדער און ער
האָט גאָר געוואָלט, אַז זײַנע קינדער זאָלן לעבן, אַז קיינער
זאָל זיי ניט שטערן צו לעבן. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ
האַנדלער און די מוטער — אַ ייִדישע. און ווען די דײַטשן זײַנען
געקומען, האָבן זיי אַוועקגעשיקט מענטשן — ייִדן פֿון האָלאַנד-געגנטן
און אים געפֿירט אין בוכענוואַלד און מיט אַ יאָר צוריק

115 דאָרטן לעבן די וואַסערקראַנען זײַנען געלעגן
אויסגעלייגט אײנע אויף די אַנדערע טויטע קערפּערס פֿון
אַ מענטשן טאָג. און אַלע וואָס האָבן געוווינט אין
שטוב, זײַנען קאַלטבלוטיק פֿאַרבײַגעגאַנגען ווי עס וואָלטן
דאָרט געלעגן צײַגל און ניט קיין טויטע מענטשן.
אויף רעכטס און אויף לינקס פֿון אײַנגאַנג, זײַנען געשטאַנען
גרויסע לאַנגע צימערס מיט אויפֿגעשטעלטע הילצערנע
דרײַשטאָקיקע נאַרעס, אויף וועלכע עס זײַנען געלעגן אַ סאַך
העפֿטלינגע. איך בין אַרײַן אין גרויסן לינקן צימער און
גענומען אַן אָרט אויפֿן צווייטן שטאָק פֿון די נאַרעס. דאָרט
איז געלעגן אַ באַוואַקסענער מאַן, מיט בלויע אויגן און
געקוקט אויף מיר. איך האָב אים געפֿרעגט צי עס איז דאָ
אַ פֿרײַער פּלאַץ פֿאַר מיר און ער האָט אַ שמײכל געטאָן
מיטן קאָפּ און שטיל געזאָגט:
— דאָ איז דאָ אַ פֿרײַער פּלאַץ. לייג זיך לעבן מיר!
מיר האָבן זיך מיט אים באַקענט און ער האָט מיר
געזאָגט, אַז ער איז פֿון האָלאַנד, אַז ער איז שוין מער
ווי אַ יאָר אין דאַכאַו און שפּירט זיך ניט גוט. ער
ליגט און איז שוין שוואַך צום גיין. ער האָט אין
האָלאַנד אַ פֿרוי מיט 2 קינדער און ווייסט זיי שוין

114 איצט אַלע גיין אין יענעם בלאָק. מען האָט אונדז
נאָכאַמאָל אויסגעציילט און מיר זײַנען אַוועק איבער די
צענטראַלע גאַס פון לאַגער — ווי פון בײדע זײַטן זײַנען
געשטאַנען הילצערנע איינשטאָקיקע בלאָקן און לענגאויס די
טירן פון זיי — אַ סך מאַגערע, באַוואַקסענע, שוואַרציקע
הענפטלינגער — אַלע אין געשטרײַפטע בגדים. מיר
זײַנען צו צוויי דעם לעצטן בלאָק אין דער לינקער זײַט
און האָבן דערזען דעם בלאָק [illegible]. אָבער עס איז
געווען אַרומגערינגלט מיט שוואַרצן דרוק. און אויפן
טיר (אויך מיט שוואַרצן דרוק) איז געהאַנגען אַ
גרויסע מעלדונג אויף אַ בלעך: „בלאָק [illegible] — ווו״
קאַראַנטין! געפערליך פאַרן לעבן — טיפוס!!!…
נאָכאַמאָל אונדז איבערגעציילט און געהייסן
אַרײַנגיין אין פאַרמאַכטן בלאָק. דער הינקעדיקער שטובע־
שרײַבער האָט אונדז צוגעפירט צו די פּריטשע־שטעלן,
די לעצטע אין ווינקל, און האָט געזאָגט:
— דאָס איז די שטובע־[illegible]! גייט אַרײַן און ווײַטער
וואָס געפינען זיך דאָרט, דאַרפט וואָס איר זײַן!
מיר זײַנען אַרײַן. און זיך טיפער געלייגט דערשראָקן.
אונטן האָבן אַרײַנגעגעבן איז [illegible] דער וואַשצווער און

... אַז מיר זײַנען אַרויס אויפֿן גרויסן פּלאַץ
האָבן מיר דערזען פֿון דער זײַט אַ גרויסער געבײַדע
דאָס איז געווען די לאַגער־קיך. אין גרויסע קעסלען
האָט מען געקאָכט זופּ, קאַווע, פֿאַר אַלע 40 טויזנט
העפֿטלינגער, וואָס זײַנען געווען אין צענטראַלן לאַגער.
דאָרטן איז אויך געווען די בעקערײַ, ווי מען האָט יעדן
טאָג געבאַקן ברויט. אין דער זײַט איז געווען אַ צימער,
און דאָרטן האָט זיך געפֿונען דער פֿרויען לאַגער, מענער
האָבן אַהין ניט געקענט אַרײַן אַחוץ די וואַכלײַט.
און אַנטקעגן איז געווען אַ פֿוסבאָל־סטאַדיאָן, מיט ווײַסע
טויערן מיט אָנגעצייכנטע ליניעס און מיט גרינע
גראָז, צום זיצן און קוקן ווי מען שפּילט אין פֿוטבאָל.
(מיר איז ניט אויסגעקומען צו זען ווי מען שפּילט,
אָבער מען האָט מיר געזאָגט, אַז ברייטער פֿלעגט מען
אָפֿטער היטן שפּילן די העפֿטלינגען)
עס זײַנען צוגעגאַנגען צו די אַלע נאָך 2
קאַפּאָס, און אויך אַ פּאָליציי, די הילפֿער און היינקלער
מיט אַ הערבסט. און האָט אונדז געזאָגט, אַז דער איז
דער שטובע־שרײַבער פֿון בלאָק 30 און מיר וועלן

112) מישפּחות, קינדער, פֿרױען, פֿרײַנט און באַקאַנטע.
מענטשן פֿון פֿאַרשידענע לענדער, וועלכע האָבן געמוזט
לעבן ווי אײַנגעבױרענע מענטשן מיט זײערע אײגענע אינטערעסן,
מיט זײערע פֿרײַע געדאַנקען און ניט זײַן ווי שקלאַפֿן
פֿון די נאַציס. און טאָקע אויך ייִדן, ייִדן פֿון אַלע
לענדער פֿון אייראָפּע, וועלכע זײַנען געווען די גרעסטע
פֿײַנט פֿון נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם אונטער היטלער. וואָס
זיי זײַנען ייִדן. און דער פֿירער פֿון דײַטשלאַנד און
זײַנע געהילפֿן האָבן געמײנט, אַז „די ייִדן זײַנען
אונדזער אומגליק", „די ייִדן האָבן שולד אין קריג",
און שוין זײַנע אָנהענגער אָנגעריפֿן מיט וועלכע עס זײַנען
געווען באַפֿוילן די דײַטשישע צײַטונגען און דער
רעדאַקטאָר פֿון „שטורמער" - יוליוס שטרײַכער האָט
אָפּגעדרוקט געשריגן „אַז אונדזער ציל איז צו פֿאַר-
ניכטן אַלע ייִדן". אָט אין אַזאַ לאַגער זײַנען געווען
דאָ אין דאַכאַו (און אַ גרעסערע קאָנצלאַגערן) אויך אַלע
ייִדן און הונדערטער טויזנטער מענטשן פֿון אַנדערע
פֿעלקער אין אַלע דײַטשישע לאַגערן אין גאַנץ אייראָפּע.
און מען האָט געשטראָפֿט זיך האַלטן, און אַלעמען אונטער-
טרײַבן, נאָר צום בלײַבן לעבן...

111

אין דאַכאַו — האָט דער לאַגער געהערט ווי
אין איינציקע טעג. אינדערפֿרי פֿלעגט מען אַף גרויסע
וואַגאָנס מיט גומענע רעדער פֿונאַנדערפֿירן איבער אַלע
בלאָקן און אָפּטיילונגען ברויט, דאָס נאַסע קאַפֿע,
שוואַרצן ביטערן און קוים וואַרעמען. און שפּעטער
אַף די זעלבע וואַגאָנס צעדעקטע מיט אַ גרויסן
ברעזענט, פֿלעגט מען פֿון אַלע בלאָקן צונויפֿקלייבן
די טויטע קערפּערס. אין יעדער וואַשצימער באַראַקשע
דעם טאָג פֿלעגט מען צונויפֿקלייבן אַ סך אַנדערע שוין
געוועזענע הפֿטלינגע. משוגענע, פֿאַרדאַרטע, מיט טונקעלע
פֿלעקן איבער גאַנצן קערפּער, מיט אַ צעגעבונדענעם
נאַמער מיט אַ שטריקעלע צום האַנט, אָדער צום פֿוס,
פֿלעגט מען די געוועזענע מענטשן אַוועקלייגן אַף די
וואַגאָנס איינער אַף די אַנדערע, ווי אַ פֿוס, ווי אַ האַנט,
און דער וואָג איז געווען אין קאָמענדאַנטור...
און די מענטשן האָבן זיך שוין צו דעם אַזוי
צוגעוווינט, אַז עס האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט געקוקט
אַף די וואַגאָנס האָלץ, אָדער אַנדערע בוימאַטעריאַלן,
און נישט געווען מענטשן, מיט זייערע אייגענע לעבנס-
געשיכטעס, מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אייגענע

110) אין קרעמענטשוג.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן ברענגען אין לאַגער אידן פֿון עסטרײַך, און פֿון אַנדערע לענדער וואָס די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט. נאָך שפּעטער-פּוילישע בירגער און נאָך שפּעטער רוסישע קריגסגעפֿאַנגענע. די איבערפּײַניקטע פֿון די דײַטשישע מאַכט זײַנען דורך די שווערע וואָגן פֿון דער באַן. און אַפֿילו אין דער צײַט וואָס מען האָט מיר אַרײַנגעשאַנט האָט זיך דער קאַמף ניט געענדיקט.

אַלע האָבן שוין געוווּסט און פֿאַרשטאַנען, אַז די קריג האָט דײַטשלאַנד פֿאַרשפּילט, אַז די רוסישע אַרמײ שטייט לעבן בערלין און די אַמעריקאַנער, ענגלענדער און פֿראַנצויזן פֿאַרכאַפּן אַלץ מער טעריטאָריעס און די קאַמפֿן גייען אין דײַטשלאַנד, אַלץ איינס האָבן די עסעסלײַט געהאַלטן די דיסציפּלין, און זיך פֿאַר אַלעמען געהאַלטן אין אַ לאַגער, ווי זיי וואָלטן געווען די זיגער. און אַפֿילו אַז עס זײַנען די אַמעריקאַנער געווען פֿון לאַגער נאָענט, יעדן טאָג פֿלעגן פֿליִען איבערן קאָפּ אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַנען, די דײַטשישע שטעט זײַנען פֿון לופֿטן געווען צעקלאַפּט און עס איז געווען קלאָר אַז באַלד-גאָר אויסגעבן — ווען די אַמעריקאַנער זײַנען

פסו 109) אַלס די מערסטע טייל פֿון זיי זײַנען געפֿאַלן
אין קאַמף. טויזנטער זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אין די
אויוונס פֿון קרעמאַטאָריעס, הונדערטער האָט מען דערשאָסן אין
שלאַך צענדליקער טויזנטער זײַנען אין לאַגער געשטאָרבן פֿון
הונגער, פֿון פּײַן, פֿון טיפֿוס... די נאַציס האָבן געשטעלט
דעם ציל צו פֿאַרניכטן איטלעכע גאַנצע און אין וועלכן
אָרט זיי וואָלטן אויפֿקומען איז געווען ניט אַזוי וויכטיק...
אויסערדעם זײַנען אין לאַגער גרופּע געוואָרן טויזנט מענטשן
וועלכע האָבן געאַרבעט פֿאַר געשטאַפּאָ, זיי אַלעמען פֿון
לאַגער איבערגעגעבן און אַוועק אַריבערגעפֿירט אַזוינע וועלכע
האָבן זיך געקליבן צו אַנטלויפֿן, אָדער אַלס אַלטע ניציקן.
די לײַט האָבן געאַרבעט אין לאַגער: בלאָקעלטסטער,
שטובעלטעסטער, קאַפּאָס, אָדער שטובשרײַבער. זיי האָבן אין
לאַגער געלעבט בעסער ווי די אײַנפֿאַכע הֶפֿטלינגען. זיי
זײַנען געווען זאַט, האָבן געטראָגן גוטע קליידונג און אַזוי
ווײַטער. און די געשטאַפּאָ האָט אַלץ געוווּסט וואָס עס טוט
זיך אין לאַגער. און וועמען מען האָט פֿאַרדעכטיקט אין
עפּעס קעגן די נאַציס, דעם פֿלעגט מען זיך אָפּגעבן טאָן —
אָדער ערשיסן, אָדער געבן אַזוינע קלעפּ, אַז ער פֿלעגט
ניט אויסהאַלטן. און דער וועג איז געווען אַ ווײַטער —

108) האב געהאט אן שטריק, אנשטאט א רימען, און די
הייזן האבן זיך שוין גוט געהאלטן, אויף מיין מאגערן
קערפער. איך האב באקומען די שיך (ארויסגענומען פריער
פון צוגרייט די בילדעלעך און באהאלטן אין א קעשענע) און באלד
זיינען מיר געווען בארייט ארויס אויפן פלאץ. און ערשט איצט
האב איך געקוקט זיך ארומקוקן און זען וואס דאס הייסט
צענטראלער לאגער דאכוי...

פון די ערשטע טעג פון עקסיסטענץ פון לאגער,
זיינען דארט אנגעקומען דייטשישע סאציאל דעמאקראטן,
קאמוניסטן און אלע געגנער פון נאציאנאל סאציאליזם.
מען צאלט די טויזנטער געגנער פון היטלערן ניט האלטן
אין די טורמעס, האט מען אין הארצן פון בייערן וואלד
ניט ווייט פון מינכען אויפגעבויט דעם לאגער דאכוי.
דורך דאכוי און זיינע אפטיילונגען זיינען דורך מער
ווי א פערטל מיליאנען מענטשן - נישט נאר יידן, נאר
דייטשן, אונגארן, טשעכן, יוגאסלאוון, רוסן, פוילישע און אנדערע
פעלקער פון אייראפע, וועלכע זיינען געווען קעגן די
מעטאדן פון נאציאנאל-סאציאליזם. און טויזנטער פון זיי
זיינען ארויסגעטראטן אין פארשיידענע גרופעס וועלכע
האבן אונטערערדיש געקעמפט קעגן היטלעריזם.

107) איבערגעבליבענע איבערן אייגן לאַנד. דאָס האָט געדויערט
אַ האַלבע שעה און באַלד ווידער אַ פייערל, נאָך דער אַלאַרם
האָט זיך געענדיקט. ווייטער האָבן מיר זיך געאײַלט
אויפן האַרטן באַנק און די פיס זײַנען געלעגן אײַזגעווען
אַזוי גוט, און ווי די פיס זענען אָפּגעפרוירט ווי צו טאָן, האָט
זיך גלײַך געוואָלט עסן... אָבער די מידקייט איז געווען
גרייס און שוין געוואונטשן צום הונגער דין איך אײַנגעשלאָפן...
ווען איך האָב געעפנט די אויגן איז אָוונט געווען
ציעמליך. די זון האָט אַרײַנגעשײַנט אין צימער ווי
מען טוט זיך איבער צוריק אין באַד. דאָ האָבן זיך
גלײַך דערהערט די שטימעס פון די קאַפּאָס. זיי זײַנען
אַרײַנגעלאָפן, געהייסן זיך גיך אויסטאָן, נאַקעטע דורכ-
געקוקט אונדזערע זאַכן און מיר זײַנען אַרײַן זיך וואַשן.
דאָס קאַלטע, דאָס וואַרעמע וואַסער אָבער מען האָט זיך אַ ביסל
אַ וואַש געטאָן. אַרויסגייענדיק האָט מען אונדז געגעבן אַנדערע
ריינע זאַכן. מיר האָט מען געגעבן אַ גרויסן מיליטער-
אַנצוג פון די בעלגישער אַרמיי, אָבער די הויזן זײַנען
געווען אויף מיר קורץ. איינער אַ קליינער מאַן האָט
באַקומען הויזן צו לאַנג פאַר אים, האָבן מיר זיך מיט
אים געביטן מיט די הויזן: עס איז גוט, איז איך

דאָ אײַך קאָנטראָלירן און איך וויל וואָס
גלייבן, וואָס איר קריגן מיט דעם! — און האָט
באַוויזן אַלע זײַן נאַגײַקעס.

דאַן האָב איך זיך פֿון האַלדז אַראָפּגענומען מײַן
קליינעם פֿוטליאַר מיט די 2 בילדעלעך און אַרײַנגעדרוקט אין
אַ שוך. איך האָב אויסגעטאָן די זאַכן, אַלץ אַוועק
געלייגט, נאָר אין דער צײַט, האָט מען אונדז געזאָגט,
ווײַל עס איז ניטאָ קיין וואַרעם וואַסער, אַז מיר זאָלן
זיך צוריק אָנטאָן און מיר בלײַבן דאָ שלאָפֿן ביז
אינדערפֿרי, אַז מיר זאָלן אין מאָרגן ניט אַרויס.
אויף אַ האַרטן באַנק האָב איך אויסגעצויגן מײַנע פֿיס און
זיך געלייגט שלאָפֿן. קיין עסן האָט מען אונדז ניט געגעבן,
און עס איז טאַקע געווען אַ גליק, וואָס אין דער היים האָבן מיר
עפּעס אַ ביסעלע געגעסן. און ווי נאָר מיר האָבן זיך געלייגט
האָט אָנגעהויבן וואָיען דער לופֿט־אַלאַרם. אָבער צו אונדז
האָט עס קיין שײַכות ניט געהאַט. אַ ווײַלע האָט געדויערט
די ליכט, (עס איז שוין געווען פֿינסטער אין דרויסן) שײַנען
אַראָפּגעלאָזט זײַנען געוואָרן אַמעריקאַנישע גרויסע אַעראָפּלאַנען
מיט ווײַסע פֿײַערדיקע שטערן איבער די זײַטן און קיינער האָט
ניט געשאָסן, פּונקט ווי עס וואָלטן געווען דײַטשישע

דאַכאַו.

אונדזער אויטאָבוס איז געשטאַנען נאָך עטלעכע
מינוט לעבן לאַגער-טויער און נאָך האָט זיך דער
אײַזערנער טויער געעפֿנט און מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן
אין לאַגער. עס איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק און מיר
האָבן דערזען אַ גרויסן פּלאַץ, און דערבײַ אַ פֿוטבאָל-פֿעלד.
אונדזער אויטאָבוס איז צוגעפֿאָרן צו אַ גרויסער געבײַדע,
און אונדז האָט מען געהייסן אַרויסגיין און זיך שטעלן אין
ריי. די וואַכלײַט זײַנען אַוועק און אַנדערע זײַנען צוגעגאַנגען
עטלעכע קאַפּאָס. איינער אין אַ ציווילן אָנצוג, וואָס ניסט מיט
אַ גרינעם דרייעק מיט לאַגער-נומער. מען האָט אונדז
אויסגעצײלט און געהייסן גיין אין אַ טיר און מען האָט
געזאָגט, אַז מען פֿירט אונדז אין באָד. צו אונדז
זײַנען צוגעגאַנגען צוויי יונגע, געזונטע קאַפּאָס און
געהייסן אונדז זיך אויסטאָן אין גאַנצן נאַקעט. די
פֿרויען זײַנען אַוועק אין אַ נעבן אָפּטיילונג.
— נעמט מיט זיך נאָר אײַערע שיך! — האָט
געשריגן צו אונדז דער קאַפּאָ; איך וועל אַלעס

104) געפֿירן און מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ
לאַגער מיט גרויסע געבײַדעס. דאָס איז
געווען דער [illegible]לאַגער פֿון ס״ס, מיט וועלכן ס׳איז
געווען אָרגאַניזירט דער צענטראַלער לאַגער פֿון
ערשטן קאָנצענטראַציאָנסלאַגער פֿון גאַנץ דײַטשלאַנד,
פֿון לאַגער דאַכאַו, וועלכער איז געווען געגרינדעט
גלײַך נאָכן קומען צו דער מאַכט פֿון אַדאָלף
היטלער — דעם 22 מערץ 1933. נאָך עטלעכע
גאַסן זײַנען מיר דורכגעפֿאָרן און אונדזער
אַוטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסער
געבײַדע, ווי אויבנאויף איז געווען דער לאַגער־
טויער און ווי אַן אײַזערנע קראַטע איז מיט
גרויסע בוכשטאַבן געווען אָנגעשריבן די ווערטער!
„ARBEIT MACHT FREI". מיר זײַנען געשטאַנען
בײַם טויער פֿון צענטראַלן, פֿון דעם סאַמע ערשטן אין
דײַטשלאַנד קאָנצלאַגער, דורך וועלכן ס׳זײַנען דורכ־
געגאַנגען מער ווי 250 טויזנט האַפֿטלינגע פֿון אַלע
נאַציאָנאַליטעטן פֿון דער וועלט, ווי די ערשטע האַפֿטלינגע
זײַנען געווען דײַטשן, וועלכע האָבן געשטעלט - דעם
ערשטן ווידערשטאַנד קעגן דעם „פֿירער"...

103 גרויס מי אַרײַנגעקוועטשט אין אויטאָבוס. געלט
מען האָט אונדז אַלע אַרײַנגעדריקט, איז מיר האָבן
ניט געקענט רירן ניט די הענט און ניט די פֿיס. און
אַפֿילו אַזוי פֿאָרן איז אויך געווען בעסער ווי גיין
צו פֿוס. באַ די טירן זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן פֿון די
וואַכפּאָליצײַ, עס זײַנען אויך געווען עטלעכע אָפֿיצערן און
אויך אַ קראַנקנשוועסטער מיט אַ ווײַסער היטעלע מיט אַ
רויטן קרייז אויפֿן קאָפּ. אַט אַזוי אַרײַנגעקוועטשטע
זײַנען מיר געפֿאָרן מיסטאָמע אַ שעה צײַט און דערנאָך
האָט מען אָפּגעשטעלט דעם אויטאָבוס. אויפֿן וועג
זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן פֿון די פֿעלד-זשאַנדאַרמעריע
מיט מעטאַלישע בלעכער אויף אַ קייטעלע אָנגעהאָנגען
אויפֿן האַלדז. צוויי פֿון זיי האָבן קאָנטראָלירט די פּאַפּירן באַ
דעם אָפֿיציר. מיר זײַנען געפֿאָרן ווײַטער און
עטלעכעמאָל איז געווען אַן אָפּשטעל און ווידער די
פּאַפּירן געקאָנטראָלירט. אין פֿענצטער האָב איך געזען
ווי מיר פֿאָרן אַרײַן אין אַ שטאָט. דאָס איז געווען
די שטאָט [illegible] און אַז דורכפֿאָרנדיק זײַנען
מיר צוגעפֿאָרן צו נאָך אַ קאָנטראָל-פּונקט. דער
אָפֿיציר איז אַרויס פֿון אויטאָבוס, געוויזן די

עס איז שוין געווען 3 אַזייגער און טאָג באַלד
האָט ער געשריען צו אַ צווייטן סאָלדאַט אַז מ'זאָל אונדז אַרויס-
פירן אַהין וועג, ווײַל פון ווײַטן גייט אַן אויטאָבוס.
מען האָט אונדז אַרויסגעפירט אויפן וועג, געשטעלט
אין אַ צײַל און אונדזערע וואַכלײַט האָבן זיך געשטעלט
אין מיטן וועג און ווען דער אויטאָבוס איז געקומען
נענטער האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט. מיר האָבן געזען
דורך די פענסטער, אַז ער איז פול מיט האַפטלינגע.
פון אויטאָבוס איז אַרויס אַן אָפיציר פון עס-עס און
געפרעגט וואָס צו טון. אונדזערע וואַכלײַט האָבן באַוויזן
עפּעס אַ פּאַפּיר און דער אָפיציר האָט געזאָגט, אַז
דער אויטאָבוס איז פול געפּאַקט און עס איז ניטאָ
קיין אָרט. אָבער די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן דרענגען,
אַלעמען צו זייען קריכער און קענען ניט גיין. דער אָפ-
פיציר האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און געזאָגט:
„קריכט, אויב איר ווילט געפינען אָרט!" — און מיר
האָבן אָנגעהויבן קריכן אין אויטאָבוס. דאָרטן זײַנען
געווען האַפטלינגע, אין זעלבע ווי מיר געשטרייפטע
בגדים, פון פאַרשידענע לאַגערן. מיר האָבן זיך מיט

101) און אַט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קינדער
און יעדער האָט וואָס ניט איז געבראַכט: איינער אַ טעפּל
מיט עטוואָס וואַרעמער זופּ, איינער עטלעכע פֿאַרדאַרטע
שטיקעלעך ברויט, איינער עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפֿל און
איין מיידעלע אַפֿילו 2 גאַנצע הערינג. מיר האָבן אַלע
קינדער גוט באַדאַנקט און צעטיילט אַלץ וואָס
מען האָט געבראַכט אויף צוועלף טיילן, אַז אַלע זאָלן
עפּעס קריגן, ווייל אַלע זײַנען געווען הונגעריק און
שוואַך. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן „דער באַל", מען
האָט געגעסן אַלץ נאָכאַנאַנד און פֿאַרזוכנדיק אַ קליין
שטיקעלע, גאָר אַ ברעקעלע הערינג, האָב איך זיך דערמאָנט
אַז הערינג האָב איך שוין ניט [געגעסן] מיסטאָמע יאָרעלאַנג...
[illegible] און עטלעכע מינוט האָבן שוין אַלע
אויפֿגעגעסן און געקוקט עפּשער וועט מען ברענגען נאָך
עפּעס. און דאַן האָט נאָך אַ קליינע אינגעלע, מיט
געלע האָר און בלויע אויגן, געבראַכט אין אַ גרויסע
שיסל זופּ. מען האָט איר געדאַנקט און אַלע 16 לעפֿל
האָבן געשעפּט צו עטלעכע פֿון די שיסל זופּ...
דער עלטערער פֿון די וואַכלײַט איז אַרויס
אויפֿן וועג צו זען צי עס גייט שוין דער אויטאָבוס, ווייל

100 קראַנקע האָט זיך פֿון אונדז אַלץ דערווײַטערט.
מיר זײַנען געשטאַנען נאָך אַ 15 מינוט און
דאַן זײַנען מיר אַוועק צום דאָרף, וואָס איז אויך געווען
אויף דעם זעלבן וועג.
מען האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ הויף, ווי עס
האָט געלעבט אַ דײַטשישער באַוער און פֿאַרמאַכט אין
אַ שטאַל. די טיר איז געבליבן אַ ביסל אָפֿן. די
וואַכלײַט זײַנען געשטאַנען בײַם טיר און געוואַכט.
און דאָ האָבן זיך באַוויזן עטלעכע קינדער פֿון
דאָרף, וואָס האָבן געלעבט ניט ווײַט פֿון דעם הויף
ווי מיר זײַנען געווען. איך בין געוואָרן אַ ביסל
דרייסט און געפֿרעגט בײַ די וואַכלײַט, צי מען קען
בעטן בײַ די קינדער, צי זיי זאָלן אונדז ברענגען עפּעס
וואָס צום עסן. דער וואַכמאַן איז געווען ניט קעגן און
איך האָב צוגערופֿן די עטלעכע קינדער און זיי געבעטן
אונדז ברענגען וואָס צום עסן, וואָס זיי וועלן נאָר קאָן
זיך אינדערהיים געפֿינען — [illegible] אַ ביסל צוקער [illegible]
סוכאַריקעס. די קינדער האָבן געפֿרעגט די וואַכלײַט
אויב זיי ערלויבן עס, און אַז די וואַכלײַט האָבן
אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דערלויבט זײַנען זיי [illegible].

99 | אַלץ צו זײַט. און דאָ האָב איך דערזען נאָך אַ
צענדליק מענטשן, עלטערע און קראַנקע, און האָב זיך
אַלץ צו זײַט אָפּגעשטעלט. לעבן זיי איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט
און יענער געפרייטער, וועלכן דער פעלדפעבל האָט
געשיקט פירן די קראַנקע מיטן אויטאָבוס. איך האָב
געזאָגט אים, אַז מיך האָט געשיקט דער הער פעלד-
פעבל, ווײַל איך בין נאָר וואָס אַרויס פון רעוויר און
איך בין מיט קראַנקע פיס.

מיר זײַנען געשטאַנען אַלץ אין זײַט, און די
גאַנצע קאָלאָנע איז אַוועק. דער געפרייטער איז
נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען דער פעלדפעבל, געזאָגט
דעם געפרייטער:

— וויפיל האָספּיטאַלינגער זײַנען דאָ!

— 16 מאַן, הער פעלדפעבל! — האָט ער געענטפערט.

— גוט, פירט זיי אַלע לעבן יענעם דאָרף און וואַרט.
ווײַטער צו דאָרף פאָרפאָרן אַ אויטאָבוס און נעמען,
נעם דעם צעטל און פירט זיי אַוועק אין
דאָרף! — אַלעס פאַרשטאַנען?

— יאַוואָל, הער פעלדפעבל! — האָט ער געענטפערט.
מיר זײַנען געבליבן אַ 16 אויפן אָרט און די

98 ווײַטער ניט גיין און איך בעט אײַך לאָזט
מיר פֿאָרן מיטן אויטאָבוס!
דער פֿעלדפֿעבל האָט אָפּגערופֿן אַ געפֿרײטער
פֿון די וואַכלײַט און איך געזאָגט, אַז דאָ וועט זײַן אַ
צענדליק קראַנקער מענטשן מיט וועלכע ער וועט דאַרפֿן
פֿאָרן מיט אַן אויטאָבוס אין צענטראַלן לאַגער דאַכאַו.
איך האָב עס דערהערט און בין גלײַך צו צו דעם
זעלבן פֿעלדפֿעבל און איך געזאָגט:
— הער פֿעלדפֿעבל! איך בין אַ קראַנקער, מיט
געשוואָלענע פֿיס, קען ניט לאַנג צוריק אַרויס פֿון
רעוויר. איך קען ווײַטער ניט גיין, לאָזט מיר אויך
אויך צו פֿאָרן מיט אויטאָבוס!
— ניין, ניין, דו ביסט נאָך אַ יונגער און
קענסט גיין צופֿוס! — האָט ער געענטפֿערט.
— הער פֿעלדפֿעבל! גיט אַ קוק אויף מײַנע
קראַנקע פֿיס, איך קען ווײַטער ניט גיין!
און איך האָב אָנגעהויבן אין הויז, פֿאַר־
קאַשערט און געוויזן אים מײַנע פֿיס.
ער האָט אַ קוק געטאָן מיט כעס און איך
בין גלײַך אַוועק צו יענע פֿרײַע וועלכע איז אַוועק

עס איז צוגעפֿאָרן אַ גרויסע מאַשין, געדעקט מיט אַ ברעזענט, מען האָט פֿון דאָרטן אַרויסגענומען לעבעלעך מיט ברויט און אַ גרויסער באַק, וואָרעמען קאַווע. מען האָט אונדז געגעבן אַלע 4 מענטשן אַ לעבל ברויט מיט קאַווע און שוין 2 מינוט אַרום איז דאָרט גאָרנישט געבליבן.

נאָך 10–15 מינוט איז מען געזעסן אויפֿן גראָז, און ווען מען האָט געהייסן אויפֿשטעלן זיך, אויפֿהייבן און ווײַטער גיין, האָב איך שוין קיין געשטעלט די געשוואָלענע פֿיס. אָבער גיין האָט מען געמוזט און איך האָב זיך געשטעלט אין ריי. ווײַטער האָט מען געזען אַלע אונדזערע שרײַען, ווײַטער האָבן געפֿילט די פֿיס און די הענט האָט זיך געדרייט פֿון קאָפּ. יעדער שריט האָט מיר געקאָסט געזונט. און ניט וועגן צו רעדן און ניט וועגן צו זינגען, מען דאַרף שטעלן די פֿיס און שווײַגן. אָפּגעגאַנגען נאָך אַ שטיקל וועג. און דאַן האָב איך באַמערקט, ווי איינע אַ פֿרוי איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿעלדפֿעבל פֿון די וואַכלײַט און האָט זיך צו אים געווענדעט:

— הער פֿעלדפֿעבל! איך בין אַ קראַנקע און שוואַכע פֿרוי, מיט קראַנקע פֿיס. מען האָט מיר געזאָגט, אַז באַלד וועט זײַן אַ אויטאָבוס ביז דאַכאַו. איך קען

ניט געגאַנגען ... די וואַכלײַט האָבן געהייסן
גיין שנעלער, געשריען, מען זאָל זיך ניט פֿונאַנדערציִען-
די צײַט איז דעם טאָג ניט געווען און מען האָט זיך
געשלעפּט ווײַטער. נאָר איך האָב געשפּירט, ס'איז מיר
אַלץ שווערער און שווערער צום גיין. וואָס טוט מען?
דער טאָג האָט זיך נאָר אָנגעהויבן, מען דאַרף נאָך
מאַרשירן אַ סך קילאָמעטער און די פֿיס זײַנען געוואָרן
ווי [illegible], שווער, איך האָב זיי קוים געהויבן ... וואָס
וועט זײַן? אויב איך וועל אַזוי גיין, וועל איך באַלד
אָפּשטיין און ווי איך וועל בלײַבן פֿון הינטערשטער
קאָלאָנע, דאַן וועל איך בלײַבן אויף אייביק לעבן וועג ...
אַפֿן וועג איז געשטאַנען אַ שילד, אַז מיר ...
זײַנען פֿון לאַנדסבערג עפּעס 12 קילאָמעטער. אַט
אַזוי פֿיל זיך דורכגעשלעפּט - מיסטאָמע 3 אָדער 4 שעה
געגאַנגען און בלויז 12 קילאָמעטער. און טאַקע אין
עטלעכע מינוט אַרום, פֿאַרבײַגייענדיק פֿאַרבײַ אַ פֿעלד,
האָט מען אונדז געהייסן אָפּשטיין פֿון וועג אַפֿן פֿעלד
און דאָרטן זיך זעצן - עפּעס אָפּרוען און טרינקען
קאַווע. איך האָב זיך טאַקע גלײַך געזעצט אַפֿן גראָז,
אויסגעצויגן די פֿיס און מיר איז געוואָרן עפּעס לײַכטער.

95 נאָט דאָס איז געווען מײַן באַגעגעניש „האָלץ און גאַס"!
די קאָלאָנע האָט זיך פֿונאַנדערגעצויגן. פֿון ביידע
זײַטן זײַנען געגאַנגען װאַכלײַט מיט ביקסן. און גאַנץ
פֿון הינטן, פֿון די לעצטע רייען, האָט זיך געהערט ווי עס
בילן די הינט, מען זאָל ניט אָפּשטיין און שלעפּן די
קאָלאָנע...
מיר זײַנען דורך עטלעכע גאַסן, זײַטיקע
פֿון דער שטאָט. קינדער זײַנען אַרויסגעלאָפֿן, זיך
געשפּילט און אָפֿילו ניט געקוקט אויף אונדזער זײַט.
אַנדערע פֿרויען האָבן צווישן זיך עפּעס גערעדט און
געוויזן אויף אונדז מיט די פֿינגער - ווײַזט אויס זיי
האָבן גערעדט וועגן אונדז. פֿאַר זיי איז דאָס שוין
געווען אַלץ פּראָסט - ווײַל גאַנץ אָפֿט פֿלעגט מען
טרײַבן הונדערטער איבער די גאַסן פֿון לאַנדסבערג.
צו ביסלעך, צו ביסלעך זײַנען מיר שוין אַרויס פֿון
די גאַסן פֿון שטאָט און אַרויס אויף אַ גרויסן וועג, ווו
גאַנץ זעלטן פֿלעגן דורכפֿאָרן לאַסטמאַשינען מיט סאָלדאַטן,
אַנדערע לײַכטע מאַשינען מיט אָפֿיצירן. פֿון די הינטערשטע
רייען האָט זיך געהערט אַ שיסער". מיסטאָמע האָט
עמעץ ניט געקאָנט גיין און איז טאַקע ווײַטער שוין

דער וועג אין דאַכאַו.

אין לאַנג איז דער לאַגער געבליבן שוין הינטערוועגנס.
קוים אַ יאָר האָט עקזיסטירט דער לאַגער 1944, אַ
אָפּטיילונג פֿון דאַכאַו. דער לאַגער-טויער נאָך אונדזער
אַוועקגיין איז געבליבן אָפֿן. אין לאַגער איז קיינער ניט
געווען. די דײַטשן האָבן עס קאָנטראָלירט מיט צײַטער
היינט, וועלכע זײַנען דורכגעלאָפֿן דעם גאַנצן לאַגער,
און קיינער איז דאָרט ניט געבליבן...

בײַ אַ גרופּע הפֿטלינגע זײַנען געווען מיט זיך
קליינע פּעקלעך, וואָס עס האָט פֿאַר דער צײַט געמאַכט
באַקאַנטע אין קיך און געקראָגן אַ ביסל וואָס צו עסן, וואָס
האָט געמאַכט אַ פּאָר וואַרעמע זאָקן, אַ דער אַ טיכל און אַנדערע
קלייניקייטן. בײַ מיר איז געווען ניט געווען. איך האָב שוין
געמאַכט פֿריִער געזאָגט, אַז איך האָב געמאַכט באַהאַלטן דעם
רינגעלע פֿון באַשעלען, וועלכער האָט איך ניט געקענט שוין.
און נאָך אַ באַלדע, אויף אַ שנירעלע, האָב איך געמאַכט
אַ קליינעם לעדערנעם פּעקל מיט צוויי קליינע בילדעלעך:
אויף איינעם - איך און מײַן מאַמע, אויף דעם צווייטן באַרעלע.

193 עס איז אין לאַגער אַרײַן אַ הויכע פּאָפּיצע פון ס.ס.
ער האָט אַלעמען אַרומגעקוקט און אַ שרײַ געטאָן:
— רוהע! הערט אַלע וואָס איך וועל אײַך זאָגן...!!!
העפטלינגע! אין נאָמען פון די דײַטשישע מאַכט ווערט איצט
דער לאַגער עוואַקויִרט און אײַך פירט מען צו די שווייצאַרישע
גרענעץ. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז איר וועט ווערן
אינטערנירט אין שווייצאַריע! איך וואָרן אײַך, אַז איר
מוזט אויספירן אַלע באַפעלן פון די וואַכמאַנשאַפט. ווער
עס וועט ניט אויספירן די באַפעלן, וועט ווערן דערשאָסן
אונטערוועגס! אויב עס וועט אַלץ זײַן גוט און איר וועט
אויספירן אַלע באַפעלן, וועט אײַך זײַן בעסער...!!!
בײַ אונדז איז געבוירן געוואָרן אַ נײַע
האָפענונג. גלײַך אין שווייצאַריע! מען וועט אונדז דאָרטן
אינטערנירן? עס גלייבט זיך יאָ, און עס גלייבט זיך ניט...
און ווי ווײַט דאַרף מען גיין? און ווי וועל איך גיין מיט
מײַנע גרינדע, געשוואָלענע פיס [illegible]?
אין דער זעלבער צײַט, האָבן די וואַכלײַט אָנגעהויבן
אונדז צו ציילן, מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון
לאַגער-טויער, מען האָט זיך געפירט פון אָרט, צום גיין
אַ לאַנגע, ווײַטע און אומבאַוווּסטע וועג...

92. ער האָט ליב געהאַט זײַן ה[illegible] הדרשה! אַז דער ערשטער צילן
אויף פֿוסבאָל און אויספּילן זײַנע באַפֿעלן, און טשעקן ניט
נאָר הערפּטליכע אַליין, שפּילער וואָס לײַט אויך...
יאָ, ניט „צ׳ס" וואָס זײַן אונדזער קאָמאַנדאַנטן פֿון אונדז.
אויף וועמען וואָס ער שרײַען? וועמען וואָס ער געבן קלאַפּ מיט
זײַן נאָגײַקע? יעדער מענטש האָט זיך זײַן טעמפּעראַמענט
ער האָט פֿאַרלוירן זײַן מאַכט און מיר — אונדזער קאָמאַנדאַנט...
וואָס ער האָט ניט געטראַכט דער קאָמאַנדאַנט, זאָגט
מיר זײַנען גרייט צום וועג. מיר האָבן געמיינט, אַז ער
וועט קומען מאַשינען און מען וועט אונדז פֿירן אין לאַגער
דאָרטן, אין צענטראַלן לאַגער. נאָך דעם זײַנען אַרויס
אַלע וואָס לײַט, און שפּילער מיט לידער מיט רינגען, און מיט
רוקזעקן אויף די פּלייצעס... הײַנט דאָס מיסטעריע, אַז מיר
וועלן גאָר גיין צו פֿוס. די זײַנען געקומען טאַקע מאַשינען,
ווײַל די סאָלדאַטן האָבן אַוועקגעלייגט זייערע זאַכן און
אַליין געווען גרייט צו גיין מיט אונדז...
יעדער ווי ווײַט מיר גיין? מיר האָבן געוווּסט, אַז
ביז דאָרטן איז ווײַטער 60-70 קילאָמעטער, און אַזאַ
מאַרשלאַנג גיין צו פֿוס, דאָס איז ניט פֿאַר מײַנע פֿיס, און
פֿאַר מײַן געזונט. וואָס וועט זײַן?!

91 דאָס לאַגער №1 פֿון לאַנדסבערג !"

און דעם 21 אַפּריל אײַנדערפֿרי, האָט מען אונדז שוין אויף דער אַרבעט ניט געפֿירט. 6 אַזייגער אײַנדערפֿרי איז מיר האָבן זיך געשטעלט „ווי געוויינטליך" אויף דעם אַפּעלפּלאַץ, איז אַרויס צו אונדז דער קאָמענדאַנט און געזאָגט: אַ באַפֿעל! אַלע נעמען צײַלער צאַבן, טרינקען קאַפֿע, און אין 2 שעה אַרום ווערט דער לאַגער פֿון דאַנען עוואַקויִרט !!!

און שפּעטער 8 אַזייגער אײַנדערפֿרי, איז נאָכאַמאָל צו אונדז אַרויס מיט באַשוויפּסטע אויגן (מיסטאָמע פֿון שנאַפּס) דער לאַגערקאָמענדאַנט און האָט נאָכאַמאָל אונדז געזאָגט, אַז מיר גייען פֿון דאַנען אַוועק. אָבער דעם מאָל האָט ער עס געזאָגט מיט אַ צווייטער מינע, ווײַל טאַקע אַז מיר וועלן אַוועק פֿון דאַנען, איז וואָס איז ער פֿאַר אַ קאָמענדאַנט? אַ קאָמענדאַנט אָן אַ לאַגער? זײַן קאַריערע ענדיקט זיך אויך. דאָ איז ער געווען דער גאַנצער באַלעבאָס, וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער געשאָסן, וועמען ניט איז ניט, ווי ער האָט נאָר געוואָלט אַזוי האָבן זײַנע אַלע שקלאַפֿן געטאַנצט! און איצט וואָס וועט זײַן? ער קען בלײַבן, חלילה, אָן אַרבעט!

סוף גיין, אַלזאָ, ,,מען האָט געמוזט גיין, אויב ניט, וועט מען
שוין בלייבן ליגן און עפּשער אויף אייביק..."
דעם 19-טן אַפּריל, קוים אָנקומענדיק אין פֿאָרשטאָט פֿון
דער אַרמעע, האָב איך זיך גלייך געלייגט אויף די ערד,
ווײַל עס האָבן מיר וויי געטאָן, מײַנע געשוואָלענע פֿיס.
באַנאַכט האָט מען שוין גוט געהערט די האַרמאַטן-שיסערײַ.
און אין מאָרגן, דעם 20-טן אַפּריל 1945 איז געווען דער
געבוירנטאָג פֿון ,,זייער פֿירער אַדאָלף היטלער". די
דײַטשן, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט, האָבן זיך צונויפֿגע-
קליבן און געטרונקען פֿאַרן געזונט פֿון זייער פֿירער, אַלע
געשריען ,,הייל היטלער!" און ביז די לעצטע מינוט,
געגלויבט, אַז ער וועט רעטעווען דאָס דײַטשישע פֿאָלק און
וועט ניט פֿאַרשפּילן די מלחמה... דער פֿירער איז געבליבן
צום לעבן נאָר 10 טעג, און דער לאַגער קאָמענדאַנט האָט
געטרונקען זײַן באָקאַל מיט שנאַפּס און געשריען ,,זיג הייל!"
אין דער צווייטער זײַט זײַנען די אַמעריקאַנער געווען גאָר
ניט ווײַט פֿון לאַנדסבערג און די רוסישע אַרמיי איז שוין
געשטאַנען כּמעט לעבן בערלין.
נאָר אין דער נאַכט האָט דער לאַגער-קאָמענדאַנט פֿון
דאַכאַו באַקומען אַ טעלעגראַמע! - ,,שנעל עוואַקויִרן

ניט פֿון די אַרבעטספּלאַצן און ניט די דײַטשן אויף
זײ. דײַטשנווײַז צײַלן זײ געפֿעלן באַנאַך נײַדפּיק,
און מיר האָבן זיך שוין צוגעלערנט צוגעוווינט. (צו וואָס
קען אַ מענטש זיך ניט צוגעוווינען...) מיר האָבן זיי
די שטאָט לאַנדסלייט ניט באַמערקט דירעקט און זיי
לאַגער איז ניט.

די טעג האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן. וואָס האָט
זיך געשפּירט, איז דער פֿראָנט איז ניט ווײַט. מען
האָט געשפּירט אַז מיט אַלע גלידער. יעדער דער
קערפּער איז געוואָרן אַלץ שוואַכער, און די פֿיס אַלץ
מער געשוואָלן...

און שיינע, צדיקה טעג האָבן מיר פֿון דער
ווײַטן געזען די העכסטע בערג פֿון אײַזן פּע—די אַלפּן.
אויף זייערע שפּיצן איז געלעגן שניי. אַ אָוונט איז שוין
דער גאַנצער שניי צעגאַנגען, אַז האָט זיך שוין באַוויזן
גראָז און אַפֿילו קליינע בלימעלעך. און צווישן מיט
די בלימעלעך האָבן מיר געשפּירט, אַז עס קומט נענטער
און נענטער דער פֿראָנט. אַ דער נאַכט האָט זיך שוין
געהערט ווי געווײַט שיסן קאַנאָנען, ווי עס פֿאַלן באָמבעס.
יעדער מיר האָבן געשפּירט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער

88 ווי עס איז געשטאַנען „מײַן" פֿאַרמעגן אַלע ווילדע און
ווי מיר איז געווען פֿאַרשעמט און קיינער האָט אויף מיר ניט
געשריען און ניט געמאַכט קיין קלאַפּ...

און גלײַך האָב איך געקענט פֿאַרגלײַכן דעם
מענטשלעכן מאַסטער מילער און די ווילדע ניט אַנגעלערנטע
געשרייען פֿון די מאַסטערס, וואָס האָבן געאַרבעט דאָרט,
אונטן אין די גרויסע גרוב, ווי מען האָט געבויט דעם
אונטערערדישן וועג. אַלע מײַסטערס זײַנען געווען פֿון
שיין פֿירמע — פֿון דער פֿירמע „מאַזל", אַ פּאָלער צווישן
זיי איז געווען אַ גרויסער אונטערש"ד...

איצט האָב איך געאַרבעט צוזאַמען נאַכט. און נאָך
צוניק, וואָס דאָס איז געווען אַ רוי-טאָג, זײַנען מיר שוין
געגאַנגען אויף דער אַרבעט אײַנגעפֿרוירן! דער טאָג איז
געווען שטאַרק פֿאַרוואָרעמט און ניט אַזוי שלעכטליך. עס
האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער מאָנאַט אַפּריל, דער
ערשטער פֿרילינג-מאָנאַט און איבער אונדזער לאַגער זײַנען
אַפֿילו איבער פֿאַרבײַגעפֿלויגן — ווי מיר האָבן געאַרבעט —
זײַנען קומען יעדן טאָג געפֿלויגן אַמעריקאַנער
אַעראָפּלאַנען מיט גרויסע פֿינפֿעקיקע ווײַסע שטערן
אויף די ~~אַעראָפּלאַנען~~ פֿליגלען. און קיינער האָט ניט געשאָסן,

87

מילער האָט צונויפֿגעקליבן צײַנער גאָלדן פֿון
שלמה, צונויפֿגענומען דעם אינסטרומענט, אײַנגעפּאַקט
אין אַ קליינעם טשעמאָדאַנטשיק, אַ מאַך געטאָן מיר מיטן
האַנט און איז אַוועק. מער האָב איך אים ניט געזען,
נאָר דער אָנדענקונג פֿון אים — איז געבליבן...
און שפּעטער אין מיטוואָך טאָג אַרויס האָט מען אָנגע־
הויבן פֿונאַנדערנעמען די מאַשינען מיט די פּלאַטן־פּלאַט־
פֿאָרמס און איך בין געבליבן אָן אַרבעט. דאָס הייסט, ניט אָן
אַרבעט איבערהויפּט, נאָר אָן מײַן ליבער אַרבעט, וועלכע
איך האָב געוווּסט און געקענט. און אַצינד האָט מען מיר
געהייסן אַרויסגיין צו מאַכן אַלע דער אַרבעט די דער־
נאָכט. און די מאַשינען, האָבן גלײַך אָנגעהויבן שרײַען
און אָנגעהויבן געבן קלאַפּ מיט שטעקנס און געשריגן:
— פֿאַרפֿלוכטע שוואַבן־ניינמאַל! יודן־באַנדע, איר
ווילט ניט אַרבעטן? מיר וועלן אײַך באַלד אויסלערנען!!!
ווען דאָ, אין גרויסן גרוב, ווי איך האָב שוין גערע־
דט מיט אַ לעפֿעלע, ווי איך האָב געשטופּט וואַגאָנעטקעס
און געשלעפּט ציגל, האָב איך גלײַך באַמערקט דעם
אונטערשייד, ווי איך אַרבעט דאָ און ווי גוט מיר איז
געווען, ווען איך האָב געאַרבעט בײַם מײַסטער מילער,

86 און הײַנט איז געקומען דער טאָג, ווען צוויי מיר זאָלן
זיך געזעגענען דער מאַסטער מילער, מיט אַ ווײמוטיקן צער,
מיט גאָר ניט קיין פרײלעכער שטימונג, האָט ער געזאָגט:
— נו, קליינער, אַלעס! איך האָב געהערט פון דעם. עטלעכע
מאַסטערס פירט מען איבער אויף אַן אַנדער אַרבעטסשטעלע און
מאָרגן קום איך שוין ניט אויף דער אַרבעט אַהער. איך
רעכן, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט מען דאָ אַלעס פאַרמאַכן,
ווײַל קיין באַלעבאָס דאַרף מען שוין ניט. מיט איין וואָרט, איך
ווינטש דיר אַלעס בעסטע...
און מאַסטער מילער האָט זיך אַרומגעדרייט און מיר
געגעבן... זײַן האַנט! אַ דײַטש, אין אַ גרינער [illegible]
מיט אַ האַקנקרייץ אויפן אַרבל, האָט געגעבן זײַן האַנט
אַ ייִדן, דעם פײַנט פון פאַשיזם, אַ העפטלינג פון
קאָנצלאַגער №81081, פון אַ פאַמיליע און נאָמען, אַ
פײַנד פון גאַנצן דײַטשישן פאָלק — זײַן האַנט.
איך האָב אים געגעבן מײַן און ער האָט זי אַ קוועטש
געטאָן און אַ זאָג געטאָן:
— איך ווינטש דיר גליק, און וואָס ניט איז, דערמאָן
זיך, אַז אַזעלכע ווי איך זײַנען אין דײַטשלאַנד אויך
געווען — מיט איין וואָרט — אויפריכטיקע!!!

85) פֿון לאַגער אַ גרויסע מאַשין, ווי מען פלעגט „באַקן"
די טויטע קערפּערס. שנעלער פון זיי זיינען געווען מיט
טונקעלע-בלויע פלעקן, מיט צעבראָכענע אויגן, מיט פאַרדרייטע
פנימער און אַ שרעקליכן אויסזען. אַז די קערפּערס זיינען שוין
געלעגן אויף מאַשין, פלעגט מען זיי פירן אין דעם באַו, און
די גרויסע קרעמאַטאָריע, וועלכע האָט געאַרבעט אָן אויפהער-
טאָג און נאַכט. און פון אַלעמען פלעגט בלייבן נאָר אַ
פּאַפּיר אָנגעשריבן צייטער לאַגער-נומער און אַ שוואַרצער,
געדיכטער רויך פון די הויכע טרויבן פון קרעמאַטאָריע...
באַ טאָג, ווען עס האָט געשיינט די זון, האָט אַלעמען
הייבן צעזען דעם שניי. קיין סך שניי איז אויפגעהויפט ניט
געווען. און עס האָט זיך געשפּירט, אַז עס קומט דער
פרילינג, דער פרילינג פון 1945 יאָר! דער פרילינג,
אַז וועלכן מיליאָנען מענטשן האָבן געוואַרט מיט אַ גרויסן
האָפענונג, אַז עס וועט זיך ענדיקן די צרות, אַז עס
וועט אַ סוף נעמען צו דער מלחמה, און, אַז עס וועט שוין
קומען די באַפרייאונג פון אונדז, פון טויזנטער טויזנטער
מענטשן וועלכע גייען יעדן טאָג אין דער ערדט, וועלכע מען שלאָגט
יעדן טאָג, וועלכע ווייסן ניט צי זיי וועלן האָבן קויך צו
דערלעבן ביז דעם מאָרגנדיקן טאָג...

84 האָט געזאָגט מײַנער אַ באַוווּנער פֿון אונדזער הײַזל — וואָלטן מיר נאָך אױסגעהאַלטן אַ ביסל... אָבער אַז מען גיט דאָס איינמאָל אין טעלער באַדאַשיק, וועלן מיר טאַקע האָבן אַ גלײַכן אױסזען...

עס איז געווען געזאָגט. וואָס קען דאָס באַדײַטן פֿאַר אַ סקאָלאָטע, וואָס שטעלט קוים די פֿיס? גאָרנישט, מער ניט אַ ביסל צעסאָווזעט דעם מאָגן. אָבער, אַ דאַנק דער האַקער. די וואָס האָבן טאַקע געלײַדנט, האָבן די ציגאַרעטן פֿאַר זיך אױסגענוצט, און איך האָב באַלד עפּעס געקריגן נאָך פֿון מײַן מאַמעסטער מילער. די צוקער האָב איך טאַקע אויף פֿינף פּאַרציעס צעטיילט און 5 טעג בין איך געווען אַ „ציסער", אָבער דאָס גייט זיך פֿאַרבײַ, און ווײַטער הונגער, און ווײַטער וועט זיך עסן, און ווײַטער ווילט זיך גײַסט פֿאַרלאָרן ווערן פֿון די צײַרעס!

דעם מאָל, אַז איך האָב געבראַכט די ציגאַרעטן האָט מילער מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— דו, קליינער, קענסט עקזאַמען גוט. דאָס איז טאַקע זייער גוט!

און אין לאַגער זײַנען געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער מענטשן. יעדן טאָג פֿלעגט דובראָוו צום טויער

83

און דאָ האָט זיך געעפֿנט די טיר און צו אונדז איז אַרײַן אַ דײַטשישער מײַסטער, ניט קיין הויכער, צוגעגאַנגען צום מײַסטער מילער און גערעדט מיט אים רייד, איך בין אַוועק שמירן די מאַשינען און ווען דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט...

און עטלעכע וואָכן אַרום, אין אַ טאָג, ווען איך בין געווען אין לאַגער, זײַנען ווידער געקומען עטלעכע דײַטשישע דירעקטאָרן און עטלעכע דירעקטאָרן אין ציווילע אַנצוגן, פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייז. ווידער האָט מען געבראַכט פֿאַר אונדז מאַטראַס. דאָס מאָל, זײַנען אויך געווען גרויסע פּעקעלעך מיט אַ קילאָ צוקער, סיגאַרעטן און אַ קליינער בּאַנקעלע מיט געזאַלצן זיסן מילך. איז דאָס געווען געשמאַק! עס איז שווער צו דערציילן מיט ווערטער, אַלע מײַכלים פֿון דער וועלט! אַז מען זאָל מיר ניט צוגעוווינען (איינער זײַנען פֿלעגן טרעפֿן) האָב איך מיר מיטגענומען מיט זיך אַ ביסל דער אַרבעט. די סיגאַרעטן האָב איך ווידער געגעבן מײַן מײַסטער מילער. און ער פֿלעגט געבן מיר וואָס ניט איז געווען — דאָ אַ שטיקל ברויט, דאָ אַ טעלער לעפֿל זופּ, אָדער אַ ביסל קאַשע...

— ווען-ווען וועט דאָס אונדזער געדויערן אַלע טאָג —

— קלאַרינעט, זאָג מיר ווי אַלט בינסטו?
— שוין מער ווי 18, הער מײַסטער!
— און וויפיל צײַט בינסטו אין לאַגער?
— 3 יאָר געווען אין געטאָ, און מער ווי 2 האַלב יאָר דאָ —
האָב איך אויך געלעבט.
— יאָ, זאָגסטו — האָט ער פאַרטראַכט מיר געזאָגט —
פון קינדווייז אָן אין די לאַגערן. און דאָס אַלץ האָט
אָנגעטאָן די מילכאָמע. וואָס צײַט איז איצט. איך בעט דיר
זאָג, דאָס וואָס מיר רײדן איצט, זאָלסטו קײנעם ניט דער-
ציילן, האָסטו פאַרשטאַנען?
— איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען, הער מײַסטער! איר קענט
זײַן זיכער, קײנער וועט קײנמאָל ניט וויסן!
— יאָ אַזוי, קלאַרינעט. איך רעכן, אַז באַלד וועט זיך די
מילכאָמע דאַרפן ענדיקן, און פאַרשטייט זיך, אַז דײַטשלאַנד האָט
פאַרשפּילט. וואָס קען איך דיר נאָך זאָגן? מען דאַרף די
צײַט אויסהאַלטן... עס איז ניט לײַכט... און פון מײַן זײַט,
מיט וואָס איך וועל קענען וועל איך דיר העלפן... דו בינסט
נאָך אַ יונגער אינגל און דו דאַרפסט דאָס אַלעס דורכמאַכן...
מיט אײן וואָרט, זע באַלד וואָס דו דאַרפסט מאַכן, און איך
וועל מאַכן פאַר דיר וואָס איך קען...

81) געדענקט אַ קליינער שטיקעלע פלייש, מיסטאָמע, ניט מער
ווי הונדערט גראַם, אַלעלע דאָס איז פאַר מיר געווען ווי אַ גאַנץ
אַ באַלעם, איך האָב עס געקייט און מיר האָט זיך געדאַכט
אַז איך בין גליקלעך... כאָטש איך האָב עס געגעסן מיט
אַ שטיקעלע ברויט, וואָס מאַמעשע מילער האָט מיר געגעבן.
איז אין אַ האַלב שעה אַרום בין ווידער געוואָרן הונגעריק.
צו דעם ווייל איך וועל ניט אויס זיך אָנעסן? עס האָט זיך
גאָר ניט געגלייבט. און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך
פלעג דאָך אַמאָל באַקומען אַ שטיקעלע פון וואָס צו עסן, בין
אַלץ געוואָרן שוואַכער, און די פיס מער געשוואָלן...

ענדע פון לאַגער לאַנדסבערג.

... מאַמעשע מילער איז טאַקע געווען אַ גוטע
מענטש. נאָך מיטאָגעסן פלעגט ער מיר געבן אַ ביסל
זופּ, אַ שטיקל ברויט, אַנדער אַמאָל אַ ביסל קאַשע...
זאַט בין איך קיין מאָל ניט געווען, אַנדער דאָך
פלעגט עס מיר אונטערהעלפן, וואָס ניט איז געווען.
און איינמאָל, איז קיינער ניט געווען דערביי, האָט
ער אָנגעהויבן מיר אויספרעגן:

80) אַלעס מיט אײַך, מײַסטער מילער, איז געווען בלאָף...
— גוט, שטעלט זיך און אַרבעט!

אין מאָרגן איז אין לאַגער געווען אַ יאָנטעוו. עס זײַנען
געקומען פֿאַרשטייער פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ
און מען האָט אונדז געבראַכט די פּאַקעטלעך. און טאַקע דאָס
וואָס עס פֿעלט אונדז. מען האָט אויסגעשטעלט דעם
גאַנצן לאַגער און געמעלדן, אַז אין נאָמען פֿון רויטן קרייץ
וועלן מיר קריגן יעדער אַ פּעקעלע. מען האָט פֿאַרשריבן
אונדזערע נעמען און איך האָב באַקומען אַ קעסטעלע
אַ קילאָ צוקער, אַ פּעקל סיגאַרעטן און אַ פּושקעלע מיט
סאַרדינען. דעם צוקער און די סאַרדינען האָב איך
אויפֿגעגעסן און די סיגאַרעטן אַוועקגעטראָגן דעם מײַסטער
מילער. ער האָט עס ניט געוואָלט נעמען, אָבער איך האָב
געזאָגט, אַז איך רייכער ניט און דאַרף דאָס ניט, שוין
בעסער ברויט איידער סיגאַרעטן. ער האָט מיך פֿאַרשטאַנען
און פֿאַרן גיין אַהיים האָט ער מיר געבראַכט אַ גאַנץ
שיינעם שטיקל ברויט. פֿאַרשטייט זיך, אַז לאַנג האָבן מיר
האָט ער זיך ניט באַהאַלטן און ביז איך בין געקומען אין
לאַגער איז שוין האָבן מיר קיין ברויט ניט געזען...
אין מיטלער טאָג אַרום האָט ער מיר אויך.

97 | איבער די הענט און װאָס מיר „אױסלערנען אַרבעטן"
מיר איז גלײַך ניט געפֿעלן געװאָרן, [illegible] קײן ער
קלײַבט פֿאַר זיך ניט אױס קײן מײַסטער. איך האָב
טאַקע די ערשטע טעג געשמירט װיפֿיל מען דאַרף און
אַפּילו נאָכמער, ער זאָל מיר ניט שנײַדן. האָט זיך
איך אָבער אױסגעפּאַסט, אַז עס איז ניט גוט אױפֿגעלע-
גט און עס איז שװינדיק. האָט ער אַף מיר צוגעשט
אַ ביסל געשריגן און טאַקע שפּעטער מיר מיט זײַנע
קולאַקעס עטלעכע מאָל געקלאַפּט איבערן רוקן.
פֿריער בײַ מײַסטער מילער, פֿלעגט ער אַמאָל מיר לאָזן
אַ ביסל פֿון זײַן זופּ, אַמאָל געבן אַ קלײנע-שטיקעלע
ברױט. אָבער שולץ פֿלעגט אָפּעסן און װאָס עס פֿלעגט
בלײַבן בײַ אים זופּ, פֿלעגט ער עס אַרױסגיסן.
און איך האָב געװאַרט װײַטער „גליק". אײן
אַ שײנעם טאָג אַרום, װען מילער האָט געשיקט עפּעס
רעפּאַרירן אין אַן אַנדער שטעטל, האָט ער זיך װידער צו
אונדז צוריקגעקערט און מיר איז גלײַך געװאָרן לײַכט
ער האָט אַ שמײכל געטאָן און גלײַך געפֿרעגט:
– קלײנער, װי האָסטו געאַרבעט בײַ מײַסטער שולץ?
– איך האָב געאַרבעט – האָב איך אים געענטפֿערט –

78 און די שווערע לאַגער־טעג האָבן געקלאַפּט
ווי מיט אַ האַמער, יעדן טאָג אַ קלאַפּ, און אַלץ
שווערער און שווערער ווערט עס. און עס האָרט ניט
אויף צו קלאַפּן...

און די טעג ציִען זיך און דער הונגער ווערט
אַלץ גרעסער. דער הונגער גרעסער און דער לאַגער
קלענער. איצט פֿירט מען אַוועק מער טיפֿוס־קראַנקע
אין קרעמאַטאָריע און מענטשן אין לאַגער ווערן ווייניקער,
ווײַל קיין נײַע פּאַרטיעס מיט האַפֿטלינגע קומען
די לעצטע צײַט אין לאַגער ניט אָן...

און אויף מײַן אַרבעט איז אויך אַ נײַעס. מײַן
גוטער מײַסטער־מילער, איז פֿון אונדזן אַוועק אויף
אַן אַנדער אַרבעט (מען זאָגט, איז צײַטווײַליק) און בײַ
אונדז איז געקומען אַ נײַער מײַסטער שמידט. אַ
הייכער, אַ מאָגערער, ניט קיין עסטרײַכער נאָר טשעכאָ, אַ
דײַטש, און אויך מיט די פֿאָרמע פֿון „אַרבײַטן ניצע
טאָגעדט". ער האָט גלײַך מיר געפֿרעגט ווי לאַנג
איך אַרבעט דאָ, אויף די פּומפּן־מאַשינען און האָט מיר
געזאָגט, אַז אויב עס וועט זײַן וואָס ניט געשמירט,
אָדער עס וועט זײַן שמוציק, וועט ער מיר געבן

77 אַף לאַנגע, לאַנגע יאָרן...

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט און אַלע צושויער האָבן געוואַרט ביז דער קאָמפּאָניסט מיט זײַנע באַגלייטער, וועלן אַרויס פֿון זאַל. אַלע זײַנען אײַנגעשטאַנען און ווען דער קאָמפּאָניסט איז אַוועק האָט מען זיך אָנגעהויבן פֿונאַנדערגיין יעדער אַף זײַן אָרט צוריק גיין שלאָפֿן. מידע, פֿאַרחלשטע — גלײַך פֿון אײן צײַט איז אַזעלכע קאָנצערטן האָבן מיר שוין ניט געהערט מער ווי 3 יאָר און עס האָט זיך געוואָלט שפּירן אַז דו בינסט דאָך אַ מענטש, אַ מענטש אַ שיינער, אַ הונגעריקער און פֿאַרפּײַניקטער...

די נאַכט האָב איך געשלאָפֿן שלעכט. בכלל מען איז געווען שרעקלעך מיד, אָבער מײַן ליבע צו מוזיק איז געווען גרויס און פֿאַרשיידענע געדאַנקען זײַנען געקראָכן אין קאָפּ. מען האָט זיך דערמאָנט פֿון געוועזענע און שפּעטערע קאָנצערטן און פֿון קינאָ, און פֿון פֿאַרגאַנגענעם לעבן, בכלל וואָס איך האָב אַלס אַ מענטש געלעבט פֿאַר דער מלחמה, נאָר 15 יאָר, אָבער געווען אין מײַן זעלבסטשטענדיקן לעבן גאָר אַסך צײַטן...

און אַז זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף די
עטלעכע נאָך געדעקטע שטולן, און אַלע האָבן זיך
געזעצט אויף די לאַנגע פּילצענע בײַנק, האָט זיך
אָנגעהויבן דער קאָנצערט.

אויפֿן סצענע איז אַרויס אַ שיינער מאַן, אַ פּעטער
אויך מיט „וואונדערלעך געשטיקטע רײַפּטע פּאַרמע" און האָט
געמאָלדן אויף דײַטש, אַז עס וועלן אַרויסטרעטן ווײַטער
אַרטיסטן, זינגער און מוזיקשפּילער פֿון לעצטן אָפּערן און
אָפּערעטן טעאַטער פֿון דער עסט רײַכישער הויפּטשטאָט.
און פֿריִער איז אַרויס אַ זינגער און האָט אויסגעפֿירט
עטלעכע לידער פֿון באַרימטע אָפּערן, און אַ יונגער
מאַן האָט געשפּילט אויף אַ שיינעם אַקאָרדעאָן, און
אויך אויף אַ פֿלייט, און נאָך עטלעכע זינגער־איינער פֿון
זיי אַ באַס - האָבן געזונגען שטיקלעך פֿון אָפּערעטן
און אָפּערעס, און עס איז געווען אַזוי שיין און אַזוי
פֿריילעך, אַז ניט קוקנדיק אויפֿן הונגער האָט מען
אויף עטלעכע מינוט פֿאַרגעסן ווער מען איז און וווּ
מען געפֿינט זיך און מען האָט באַזונדערס געהערט
די שיינע מוזיק, די פֿריילעכע לידער און די
קלאַנגען זײַנען געפֿלויגן און ציטערן נאָך

75 אַרום און דאָרטן אויפֿן קאָנצערט וואָלט איר זיך
אָפּרוען, אַרבעטן דאַרף מען דאָרט ניט!!!
און איז אַוועקגעלאָפֿן ווײַטער. און מיר זײַנען
דערווײַל געלעבן און געאַרבעט. אַ קאָנצערט? און אויך
מיסטאָמע, ניט קיין איינפֿאַכער. ווײַל ניט לאַנג צוריק
האָט מען אונדז געזאָגט, אַז מען האָט אין לאַגער
געפֿונען עטלעכע צונדליק הערסט לינגער פֿון עסטרײַך,
און צווישן זיי זײַנען דאָ גרייסע אַרטיסטן און אויך
מוזיק שפּילער. ניט געוואָלט גלייבן דאָס
האָט מען אונדז געהייסן גיין אויפֿן קאָנצערט און מיר
האָבן זיך אַהין אַוועקגעשלעפּט.
די גרייסע בודקע איז געווען פֿול מיט
העפֿטלינגע, מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ סצענע און
אויף איר געבראַכט עטלעכע שטולן, ווײַל אין לאַגער
זײַנען קיין שטולן ניט געווען. אַלע זײַנען געווען מיד
מיט אַ שלאָפֿעדיקער שטימונג. און גלײַך האָט מען אַ
געשריי געטאָן: — „שטיל געשטאַנען!!!" — און אין
בודקע איז אַרײַן דער קאָמענדאַנט מיט עטלעכע
אָפֿיצערן, מען האָט זיך פֿונאַנדערגערוקט און זיי
געלאָזן דורכגיין גלײַך צו דער סצענע.

74 מען זאָגט, אַז איין צאָרע קומט אַלעמאָל
באַגלייט מיט נאָך צאָרעס. איין ענדע יאַנואַר, אַז איך
בין געקומען פון דער אַרבעט האָט מען מיר אײַן „מײַ-
הײַזל" געזאָגט, אַז מײַן פאָטער האָט מען אַריבערגע-
פירט אין לאַגער № 3. דאָס איז געווען לעבן די
אײַזנבאַנסטאַנציע, אויך אַ אַרבעטסלאַגער. און גלײַך
בין איך געבליבן גאַנץ אַליין. מײַן פאָטער אין לאַגער 3,
מײַן ברודער אין לאַגער 7 און איך אין לאַגער 1. אַליין,
ניטאָ מיט וועמען זיך באַראַטן, ניטאָ מיט וועמען זיך
דורכצורעדן פון גאַנצן האַרצן און מען דאַרף שווײַגן.
לײַדן און שווײַגן. און ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן?
און דאַן, קומענדיק פאַרנאַכט פון דער אַרבעט,
אַ נײַער געשיכטע. פאַרמאַטערטע, מידע, פאַרשוואַכטע
און אויסגעהונגערטע האָט מען געוואָלט וואָס גיכער זיך
לייגן אַף די האַרטע נאַרעס, וואָס גיכער אויסציען
די פאַרמאַטערטע, געשוואָלענע פיס און זיך טאַקע
אַ ביסל אָפּרוען. און דאַן קומט האַפּן גרינפעלד
און מעלדעט אַלעמען:
— הײַנט אין אָוונט וועט זײַן אַ קאָנצערט! און
אַלע דאַרפן זײַן אין די גרייסע בודקע אין 2 שעה

אַ ביסל אַ גרעסערן שטיקל ברויט. און מען איז
געוואָרן איין לויגער. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ יאָלקע,
איר אַ פּילע אַ ביסל באַפּוצט. אָבער די שטימונג איז
געוואָרן נישט אַמבעסטן. וואָס וועט דער נײַער יאָר אונדז
ברענגען? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. אָבער
אַלע האָבן געהאָפֿט. אַלע האָבן געשפּירט, אַז עס
קומט נאָך שוין דער סוף פֿון דער מלחמה. ווײַל
עס זעט זיך שוין אָנגעהויבן און די דײַטשן
זײַנען איצט פֿאַרדריקט פֿון דער צײַט - פֿון
מיזרח גייען די רוסן, פֿון מערב און דאָרטן די אַמעריקאַ-
נער און ענגלענדער-אַרמייען און דער בילד איז כּמעט
אַ קלאָרע, אַז די דײַטשן האָבן דעם קריג פֿאַרשפּילט
און איצט האַנדלט זיך עס נאָר וועגן די צײַט, ווי
לאַנג עס וועט נאָך דויערן. אָבער פֿאַר אונדז איז
די צײַט געוואָרן דער הויפּטפֿאַקטאָר, יעדער טאָג
האָט אונדז אַלעמען דערנענטערט צום ענטשײדנדיקן
שריט — אָדער אַהין אָדער אַהער! אָדער מיר וועלן
אויסהאַלטן ביז צום לעצטן טאָג, אָדער מיר וועלן
פֿאַלן נאָך ביז דעם לעצטן טאָג. גאָט אַליין פֿאַרטראַגע
איז געשטאַנען פֿאַר אונדז!

72 ער האָט געפֿרעגט ווי איך אַרבעט, וואָס האָט
זיך געטאָן, און ווען וועלן זיך שוין ענדיקן אונדזערע
צרות און מיר וועלן ווערן מענטשן מיט אַלע גלײַך.
— זײַט שטאַרק — האָט געזאָגט מישע — אַז
מיר פֿאַרלירן אַצינד גוטע ברידער ווי ראָזע בײַפּעלע
און טאַנענבאַום וועלכע געווען אַוועק פֿון אונדזערע יונגע.
אָבער וואָס קענען מיר טאָן ?
— יאָ, מײַשעלע — האָב איך אים געענטפֿערט — מען
באַדאַרף זיך האַלטן, איך רעדן, אַז נאָך אַ ביסל צײַט, און
מיר וועלן דאָך זיך דורכרײַסן. מען באַדאַרף זיך ניט
אָפּלאָזן און מען באַדאַרף האָפֿן!
אין אַ נאָרמאַלער צײַט, אַז מען גייט 13 אַ
קראַנקן מענטשן אין האָספּיטאַל, ברענגט מען אים עפּעס
געשמאַקעס אַ ביסל צו טאָן. אָבער סײַ ער און סײַ איך
זײַנען געווען הונגעריק און וועלן עסן. קען מען נאָר
טרוימען אָדער זען עפּעס אין בעטלעך ...
און אָט איז אָנגעקומען דער נײַער יאָר, דער יאָר
1945. עפּשער וועט דאָס שוין זײַן אַ יאָר פֿון גליק
פֿון באַפֿרײַונג און פֿון שלום ? אויף מיטאָג
האָט מען אונדז געגעבן אַ ביסל אַ געזיסטן זופּ.

71 און דאַן האָט מען מיר געזאָגט, אַז מײַן באַווער-
מײַסטער ליגט אין רעוויר. ער האָט אױסגעלונקען
אַ פֿוס און קען ניט גײן. איך בין אַוועק צו אים.
אין רעוויר זײַנען געשטאַנען הילצערנע,
צונױפֿגעקלאַפּטע פֿון ברעטער בעטן, אָנגעשטאָפּטע
אײנע לעבן די אַנדערע. אַ פּאָר דאָקטױרים, אין
װײַסע, שױן לאַנג ניט געװאַשענע כאַלאַטן, און אַ
עלטערע פֿרױ, אַ קראַנקנשװעסטער, האָבן אײַן-
[illegible] געטײלט די ביסל רפֿואות, װאָס מען פֿלעגט
צו געבן. איך האָב דערהערט אַ באַקאַנטע שטימע:
— באַלקער, קום אַהער — און איך האָב
דערזען מײַשקען מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשטן פֿוס אין אַ
צײַטיקער בעט. ער איז געלעגן צוגעדעקט מיט
אַ דעקער און די קראַנקע פֿוס איז געװען אױפֿגע-
הױבן העכער. ער האָט זיך צעשמײכלט, אַז ער
האָט מיר דערזען.
— באַלקער, אַ דאַנק, װאָס דו ביסט געקומען, מיר
איז אַזױ אומעטיק און אַזױ ניט גוט. איך האָב
צופֿעליק אױסגעלונקען די פֿוס. עס טוט װײ. זאָג ער
װאָס קען איך טאָן?

70 | אונדזער לאגער — ערשטע 7–8 קילאמעטער.
פאר די לעצטע צייט האט מען אויסגעפירט
נייע לאגערס. אונדזערער איז געווען № 1, און
שפעטער איז געווען 2, 3, 4 און אזוי ווייטער.
אין לאגער 7 פלעגט מען די לעצטע צייט פירן
פון די אנדערע לאגערס מענטשן, וועלכע זיינען
געווען גאר שוואכע און האבן שוין ניט געקענט
גיין אויף דער ארבעט. בײַ מײַן ברודערל זיינען
אויך געווארן געשוואלן די פיס און אים איז שוין
געווארן שווער צום גיין. און גוט זיינען מיר
אין לאגער געבליבן זעלבעצווייט — דער האפט
און איך. עס זיינען אויך געווען מיינע שולכאווייחים-
נאכבערן לעווינסאן, האפאלסקי פלאטא און איזיא אייך
נאך אנדערע. אונדזער באוואכער ראניע בעליפעל
איז ניט לאנג געשטארבן אין לאגער. א גרויסער
געזונטער און שיינער אינגל געווען. און איצט
איז ער שוין ניטא, אוועק מיטן רויך, אוועק
אויף אלעמאל און עס איז ניט געבליבן קיין
קיינער, קיין דענקמאל — גארנישט נאך אויסער
פארצערטע און א שווארצער רויך פון קרעמאטאריום...

אַזוי נאָך ווײַט, צווײַטנס, איז מען הונגעריק
אַזוי, אַז עס דאַכט זיך מען וואָלט אַרײַנגעשלונגען
אַלץ וואָס מען וואָלט געפֿונען און זיך אַפֿילו צעזען
עסן גײן שלאָפֿן און טאַקע דריטנס, וואָס מען
ווערט אַלץ שוואַכער און עס העלפֿן גאָרנישט. צי
ווערן געשוואָלן די פֿיס. נאָר דאָס איז גאָר ניט
גוט. צו ערשט ווערן געשוואָלן די פֿיס, דאַן די הענט,
שפּעטער דער פּנים און דאַן שמעקט עס שוין
מיט יענער וועלט... אָבער וואָס קען מען טאָן?
מען זאָגט, אַז מען טאָר ניט פֿיל טרינקען, ווײַל
די וואַסער איז ניט קיין גוטע, און נאָך וואָס.
אָבער אַז דער מאָגן איז פּוסט, ווילט זיך אים עס
צו פֿיל זײַן פֿול, איז אַ ברעקעלע ברויט מיט אַ סך
וואַסער. נאָר דער צושטער ווערט מען דערפֿון ניט.
עס דאַכט זיך, אַז עס וועט זײַן אַ פֿולער מאָגן,
באַקומש מיט וואַסער, וועט עס אויך עפּעס ווערן לײַכטער
... מען האָט מיר איבערגעגעבן גאָר ניט
קיין גוטע נײַעס. מײַן ברודער האָט מען גענומען
אַריבערגעפֿירט אין אַ צווייטן לאַגער, אין לאַגער №7.
יענער לאַגער איז געווען ניט גאָר ווײַט פֿון

68 | אונדז געקלאַפּט אַ מינוט 15 צו דער 20.
און אַז מיר זײַנען געקומען אין לאַגער, זײַנען מיר
געווען נאַס, פֿאַרפֿרוירן און שטאַרק צעקלאַפּט פֿון
דעם האָגל. איך האָב אין מײַן לעבן נישט געזען
אַזאַ האָגל מיט אַזעלכע גרויסע שטיקלעך אײַז, ווײַל
עס זײַנען געווען אַזעלכע גרייסע שטיקלעך - ווי פֿלוימען.
עס איז געווען בעסער גוט, וואָס עס האָט זיך שוין
געהײַצט דער אײַוועלע און אַרום אים זײַנען פֿון
אַלע זײַטן געהאַנגען נאַסע בגדים, און טיכלעך.
און דער דאַמף און דער ריח איז געווען נישט
קיין אָנגענעמער, אָבער מען איז געווען צופֿרידן, וואָס
מען קען זיצן לעבן אײַוועלע, בעסער אָנוואַרעמען
די פֿאַרפֿרוירענע גלידער, אַ ביסל אָ טריקן טאָן
די זאַכן, די בגדים, ווײַל מאָרגן אין דער פֿרי
דאַרף מען ווײַטער גיין אויף דער אַרבעט... און
יעדער האָט געוואָלט זיצן נענטער צום אײַוועלע,
אָנכאַפּן וואָס מער וואַרעמקייט, ווײַל אינדרויסן איז
געווען אַ שניי, אַ ווינט און גאָר נישט אָנגענעם.
מען האָט געצײַלט די טעג - [illegible], פֿאַרוואָס
ציט זיך אַזוי די צײַט און דער פֿראָנט איז פֿון אונדז

47 קלאָר, אַז איך וועל עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.
און טאָמער נאָך פֿילע יאָרן האָב איך די אַלע „די
רעצעפּטע, פֿאַרלאָרן און פֿאַרגעסן דאָס אַלץ איר, טײַערע
בלינדע געוואָרן. נאָר וועגן שוועדער סימען איז מיר
געבליבן פֿון דעם באַנ׳ ...
... אַז מיר זײַנען דעם טאָג אַרויס אויף דער אַרבעט
האָט געשײַנט די זון. אַ טאָג אָפּגעאַרבעט און, ווײַל
מיר האָבן שוין געאַרבעט אײַן אַ הײם, האָט זיך אָנגע-
הויבן אַ קלײנער רעגן. דער וועג פֿון דעם באַנפֿלאַץ
ביזן לאַגער איז געווען בערך 3 קילאָמעטער און דער
וועג פֿלעגט דויערן קימאַט אַ שעה צײַט. דער וועג
איז געווען דורך וואַלד, נאָר ער איז געווען אַ
גוטער אַספֿאַלט, ווי עס פֿלעגן פֿאָרן מאַשינען מיט
בויִמאַטעריאַלן. אַז מיר זײַנען שוין אַוועק אַ האַלבן
וועג צוריק אין לאַגער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן
פֿאַלן פֿון הימל ניט קיין וואַסער, ווי בײַ אַ רעגן, נאָר
אַ האָגל מיט גרויסע שטיקלעך אײַז, אַזעלכע ווי
אַן אייגנאַרטיקער האָגל. עס זײַנען געפֿאַלן אַזעלכע
גרויסע שטיקלעך אײַז, גרעסער ווי קאַרשן און
עס האָט וויי געטאָן און עס האָט אַזוי אויבער

66 אין אַנדער צימער. מען ניעט די האָספּיטאַל פּאַפּירן, מאַך
געהאַט נאָמען: האַפּי דזשעקמאַן, האַפּי וואַלטער,
האַפּי גרינפעלד. און איך בין אַ העפטלינג, צו
אוונט, ווען עס ציט זיך אַ דייטש, דאַרפן מיר בלייבן
שטיין, אַראָפּנעמען די היטעלע און הויך זאָגן:
„העפטלינג מיצע אַב און אויף! און איך ניט, אָדער
אַפילו איך ניט אַזוי שנעל ווי עס וואָלט זיך
געוואָלט דעם קאָמענדאַנט, אָדער דעם אָפיצער, דאַן
פלעגט מען קריגן מיט די נאַגייקע־אַדערן קלעפּ,
אָדער איבערן קאָפּ. און איינמאָל האָב איך אויך
געהאַט אַזאַ צופאַל, מיסטאָמע (נאָך דער מיינונג
פון עסעסמאַן) האָב איך ניט אַזוי שנעל אַראָפּגענומען
מיין היטעלע און אַ דייטש האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן
מיט זיין נאַגייקע און טאַקע געטראָפן מיטן עק
פון נאַגייקע אין די רעכטע אויג מיינע. עס
האָט מיר גוט וויי געטאָן, איך בין געגאַנגען אין
רעוויר (האָספּיטאַל) און דער דאָקטער האָט די אויג
פאַרבונדן און געזאָגט, אַז עס וועט פאַרבייגיין.
אָבער עס איז ניט געווען אַזוי. און איין פּילע יאָרן
שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען דעם טעם פון יענעם

דער אָנהויב פון סוף.

...עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער. בײַטאָג
פלעגט שײַנען די זון און עס איז געווען גאַנץ וואַרעם.
אָבער בײַנאַכט איז געווען קאַלט, און גאָר באַלד
איז אַרויסגעפאַלן אַ שניי. אויף די פיס האָבן מיר
געטראָגן שיך מיט הילצערנע פּאָדעשוועס און די
פיס זײַנען געווען אײַנגעוויקלט אין פאַרשידענע טיכלעך
און אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך, ווײַל קיין זאָקן
זײַנען בײַ אונדז ניט געווען. מיר זײַנען געווען
אָנגעטאָן אין געשטרײַפטע הײזן און רעקלעך און
פון אויבן אויך אַ געשטרײַפטן כאַלאַט מיט אַ [illegible]
היטעלע. אויף די לינקע זײַט, אויפן האַרצן, האָט מען
געהאַט אַ רויטן דרײַעק און אונטער אים דעם לאַגער
נומער. מײַנער איז געווען — 81681. נאָך דעם נומער
פלעגט מען אונדז פאַרשרײַבן און רעגיסטרירן, ווײַל קיין
אַנדערע נעמען האָבן מיר ניט געהאַט. און אַז מען פלעגט
דאַרפֿן אַ מענטשן אַרויסרופן, פלעגט מען שרײַען אויף
דעם אַפּעלפּלאַץ — „העפטלינג 81681!" דער

מער גוטער אויסזען. און וואָס האָט אים געקאָנט
העלפן? וואָס האָט איבערהויפּט וועמען געקאָנט
העלפן? אַלע זײַנען קימאַט געווען אין לאַגער.
מיר האָבן געזען ווי אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַנען וואַרפן
צײַטער באָמבעס אויף די דײַטשישע שטעט, מיר האָבן
געזען באָמבאַרדירט אַ רויטן הימל איבער די שטעט
ווי עס זײַנען געפאַלן די באָמבעס. מענטשן וואָס
האָבן געאַרבעט אין אַזעלכע שטעט, ווי מען פלעגט
אַמאָל קומען אַ בליק טאָן אין אַ דײַטשישע צײַטונג, פלעגן
אונדז דערציילן די לעצטע נײַעס. און די נײַעס איז
טאַקע געווען גוטע. די אַמעריקאַנישע, ענגלישע
און פראַנצויזישע מיליטער איז אין דײַטשלאַנד, און
צו אונדז קומען נענטער און נענטער די אַמעריקאַ-
נישע אַרמיי. דאָס האָבן מיר געוווּסט. אָבער
וואָס האָט דאָס אונדז געהאָלפן? עס איז נאָך
געווען מעגלעך לײַכטער און מיר האָבן יעדן טאָג
געזוכט און געהערט וועגן נײַעס, ווען וועט שוין די
פראָנט קומען אַהער, ווען וועט מען שוין קענען זײַן
אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, ווען וועט קומען אונדזער
לאַנג ערוואַרטעטע פרײַהייט...

דאַן מען פּלעגט זיי לאָזן אַף די מאַשין, פֿאַרמאַכן מיט
אַ גראָיסן בּרעזענט, פֿאַרבּינדן און פֿירן זיי גלײַך אין
דער מאַני, אין קרעמאַטאָריע. פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר דעם
פּלעגט דער פֿעלדפֿעבעל מיט זײַן צוזאַמען אַרויסרײַסן
בײַ די קאָרפּוסן פֿון מויל זייערע גאָלדענע ציינער.
און דאָס איז אַלץ. פֿון זיי פּלעגט פֿון די פֿויכער
טרעפּעס פֿון קרעמאַטאָריע אַרויס נאָך אַ שוואַרצער,
געדיכטער רויך... און עס פּלעגט בלײַבן אַ ביסעלע
שוואַרצע, פֿעטלעכע אַש... און מיר, די לעבעדיקע,
פֿלעגן זיך שוין צו דעם צוגעוווינט...
קומענדיק פֿון דער אַרבעט האָב איך זיך
דערוווּסט, אַז מײַן ברודער איז געוואָרן קראַנק. אַ
יונגער, שיינער בחור. פֿון 17 יאָר האָט אויסגעזען ווי
פֿאַרשמאַכטער, אַלטער מאַן, מיט אַ בלייכן פּנים און
אײַנגעבויגענעם רוקן. מערניסט די בלויע אויגן זײַנע
האָבן געבלישטשעט און געטרוימט נאָך אַ ביסל, דאַרף
מען אויסהאַלטן, עס איז געבליבן ניט קיין סך, גיט,
גיט, וועלן זיך ענדיקן די צרות. בײַ צאַמלען, בײַ
מײַן אײַנציקן ברודער, וועלכער איז מיט אַנדערהאַלבן
יאָר יינגער פֿון מיר, איז געווען גאָר ניט קיין

62) געטרייסן זיך זיי אַוועקגעלעגט און געטרייסן זיך ווידער
אָנטאָן. אייניקע פֿון די אינטעליגענטן האָט פֿאַרשריבן
אַז מ'זאָל פֿאַרשרייבן די נעמען פֿון מענטשן, וואָס דער דאָקטער
האָט געטרייסן. און זייט האָט מען געשטעלט די סכומע
מאַכלעטע און שוואַכע, וואָס האָבן שוין ניט געהאַט קיין
קויכעס צום גיין און אַרבעטן. איך בין געווען נאָך
אַ יונגער און שטאַרקער מיט אַ האָפֿענונג, אַז איך וועל נאָך
קענען אַרבעטן און מען קען נאָך מיר אויסנוצן. און
די וואָס זייַנען נאָך געבליבן, ווי מען זאָגט, אויף די אייגענע
פֿיס, האָט מען געלאָזט צו זאָגן ווייטער אַרבעטן...
און די שוואַכע, וואָס זייַנען געווען שוין מיט שוואַכער
האָפֿענונגען האָט מען געלאָזט אין לאַגער, און אויף דער
אַרבעט שוין ניט גענומען.
און מען האָט באַלד איבערגעגעבן פֿירן טויטע
קערפּערס פֿון לאַגער. די ערשטע צייט האָט מען זיי
געפֿירט און באַגראָבן גאָר ניט ווייט פֿון לאַגער, אויף
אַ פֿעלד לעבן ניט קיין גרויסן וועלדל. שפּעטער האָט מען
דערזען, אַז דאָרטן איז ווייניק אָרט; דעמאָלט האָט מען שוין
געשיקט די טויטע קערפּערס אין אַ פֿייער, און אַז זיי
פֿלעגט ווערן פֿיל, פֿלעגט קומען אַ ספּעציעלע מאַשין,

ט אַז איצט האָבן מיר זיך געקראַפּעטירט שלעכטע
שבתים, און אָפּילו אויף די אַנדערע וואָך אויך שלעכטע
טעג. און דער הונגער, מײַן ברודער און איך האָבן „שפּאַצירן־
באַגלייט די הינט". נאָכער פון די באַשעלטע בולבעס, וואָס
דער פאָטער האָט געשמירט, זײַנען מיר לאַנג געזעסן ניט
געוואָרן. און דאַכט, וואָס מײַן פאָטער האָט דורכגעלעבט
דאַמאָלסט די שבת, ווען ער האָט געפֿלאָקשט מיט דעם
צוקער מיט בולבעס. און זיך קימאַט פֿאַרגעסן אויף
אַ וואָכנשן און באַהאַלטן זיך באַהאַלטן און געמאַכט מיט אַ
אַ שבת אין דער שבת ווי מיר געפינען זיך...
...און שלעכטע טעג אַרום, אַזױ ווי פֿריִער, אַז מען
האָט זיך באַשטימט צום אָפּשלאָגן און מען האָט אונדז
אויסגעצײלט, האָבן זיך לאַנג לאַגער־טײַער באַוויזן אַ
גרופּע דײַטשישע אָפֿיצירן. זיי האָבן געקראַצט מיט די
לאַגער־קאָמענדאַנט, זײַנען אין לאַגער און שלעכטע פֿון
די אָפֿיצירן, וואַרט אויס דאַקטוירים, האָבן זיך דערמאָנט
צו אונדז. דורכן קאָפּ גריבלען האָבן זיי גלײַך אָנגעהויבן
מאַכן אויסטײַלן זיך די רעדנער און האָבן אָנגעהויבן קוקן
אויף די לײַט. אין זייער האַנטשקעס, האָט דער דאָקטאָר־
אָפֿיצער געגעבן די מאַגערע קאַרטעס פֿון די לײַט,

(66) ער געהאַט געווינען. מעסטער מיליאָנער האָט זיך
אויסגעלייגט די פּאָלוויעס האָבן זיך אין קליידער־שאַפֿע,
טעלעפֿאָנירט האָבן מיר אַרויסגענומען און גלייך צו אָנגעהויבן
„פּרעפּאַרירן", אויב מען קען עס אַזוי רופֿן. פֿאַרשטעלט,
מען האָט די פּאָלוויעס אַוועקגעשטעלט, צעשניטן מיטן
מעסער (אין לאַגער האָט מען קיין מעסערס ניט געהאַט
געקענט) פֿון מעסטער און צו די הייסע אייזערנע וואַנט
פֿון אַוואַלעך אויוונס „צוגעקלעפּט", נאָכער אויסגעלייגט
פֿון טייבן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט עס אָנגעהויבן
הייבן צוברענען און ברענען. כּדי מען עס אָפּ, מען קערט
איבער אויף די אַנדער זײַט און אין עטלעכע מינוט
אַרום האָט מען צוויי געשמאַקע „געבראָטענע" פּאָלוויעס,
וואָס איז אָן פֿעטס און אָן צולייג. נאָכער עס
האָט דעם „טעם פֿון גן־עדן" און מען לעקט
אָפּ די פֿינגער פֿון אַזאַ מאכל. און דעמאָלט, אַז מען
איז נאָך גוט הונגעריק, שמעקט דאָס אַזוי פֿײַן און אַזוי
גוט, ווי מען וואָלט געזעסן אין בעסטן רעסטאָראַן...
האָט
מען אויפֿגעגעסן צו עטלעכע פּאָלוויעס, עטלעכע
[illegible] מאָל נאָך מײַן באַפֿרײַונג און אַפֿילו עטלעכע האָט
פּרובירט מעסטער מיליאָנער און איך זאָג עס מיר געפֿעלן!

59 פֿון וועלדל ליגט אַ גרויסע „בורט" - ~~[illegible]~~ קאַרטאָפֿל
מען צערײַסט נאָר אַ ביסל אַ פּעשטשאַרן פֿון אויבן די ערד
און מען קען נעמען די ליוועס. עס האָט געגעבן מײַן
פֿאָטער עפּעס אַ שטיקל אַלטן זאַק און מײַן פֿאָטער איז
אַוועק. איך האָב געפּרוּווט בײַ מילעכן ווי שפּעט איז אַצינד
און ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז עס איז 12 בײַ נאַכט.
די צײַט האָט זיך געצויגן. איך האָב שוין פֿון
דער צײַט אויסגעשפּירט אַלע מענטשן, צוויי מאָל געשפּרונגט
האַלב און פֿונעם יעדער בריטלען צוריק הײַנט דעם אײַוועלע,
אַבער. דער פֿאָטער איז נאָך אַלץ נישט געקומען. מענטשן מילער
האָט איך געפּרוּווט מיר ווײַזן דעם. און איך האָב אים
געפּרוּווט ווי שפּעט עס איז און ער האָט געזאָגט פֿער קאַלד
וועט זײַן 2 אַ זייגער בײַ נאַכט. און דאַן האָבן מיר
דערהערט טריט און עס האָט זיך שטיל געעפֿנט די טיר.
און איך האָב דערזען דעם שוואַרצן, פֿאַרוויקלטן פּנים פֿון
מײַן פֿאָטער. אַבער זײַנע אויגן גרויסע גלאַנצנדיקע
און ער האָט אַפֿילו אַ ביסעלע געשמייכלט.
ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון דיל אַ זעקעלע
אַ גאַנץ שיינע „פּאַרציע" מיט לעמעדיקע דיווענע. עס
האָט זיך אים גאָר אײַנגעגעבן, אַבער שרעק האָט

58 דער אַרבעט, איז צו מיר אַרײַן מײַן טאַטע זיך
אַ ביסל אָנװאַרעמען. עס איז געװען שטאַרק־גרױס קעלט אין
דרױסן און אַ װינטיקע נאַכט דערצו.
דער מײַסטער מילער האָט דערזען מײַן טאַטן און
געפֿרעגט מיר װער איז דאָס, און אַז איך האָב אים
געזאָגט, אַז דאָס איז מײַן טאַטע, האָט ער אַ שמײכל
געטאָן און געפֿרעגט צי ער רײכערט.
— אַז עס איז דאָ סיגאַרעטן, קען ער רײכערן אױך — האָט
געענטפֿערט מײַן טאַטע.
מײַסטער מילער האָט אַרױסגענומען עטלעכע סיגאַרעטן
און אים געגעבן. דער טאַטע האָט אים באַדאַנקט.
— איך האָב פֿאַר אײַך אַ שטיקל אַרבעט — האָט געזאָגט
מילער — די קײַלעכער, בלײַבט דאָ און דײַן טאַטע קען אױ
ציען צו אַן אַרט, נישט װײַט פֿון דאַנען, װו עס
אױסגעקערט קאַרטאָפֿל. נעם מיט אַ זעקל און קענסט אַ
ברענגען אַהער דאָס. מיר װעלן עס דאָ באַהאַלטן
איר װעט קענען דאָס נעמען!
מײַסטער מילער האָט דערצײלט מײַן טאַטער, װי
און װי צו דאָרף גײן, ער האָט געזאָגט װאַסער שטאָק
אַ קילאָמעטער פֿון דאַנען, לעבן אַ דערפֿל, נישט װײַט

— האָב איך אים געענטפֿערט.

— צי אַרבעטן אייך אין פֿירמע „מזל"?

— יאָ, הער מײַסטער, צי זײַנען געווען אַפֿילו דאָ אין זיך געוואָרטעט בײַ דעם אייוועלע!

ער האָט אויסגעוואַשן מיט אַ טיכל זײַנע הענט, זיך געזעגנט צו זײַן אַלמער, אים געהאָלפֿן, אַרויסגענומען אַ גרויסע שטיק ברויט, מיר געגעבן און געזאָגט:

— באַהאַלט דאָס, קיינער זאָל ניט זען! עס אַליין און גיב דײַן פֿאָטער און ברודער! אַז איך וועל האָבן, וועל איך דיר ווידער געבן, נאָר דו ר"ד וואָס ווייניקער!

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און שוין ווײַטער געאַרבעט בײַ די מאַשין. אַזוי איך האָב זיך באַהאַלטן קימאַט אַ האַלבן לעבל ברויט, דאָס וואָס מען גיט יעדן אויף אַ טאָג צום עסן, און געשטעלט זיך שמירן די מאַשין. און דערבײַ אַ טראַכט געטאָן: — „ניט אַלע דײַטשן זײַנען אַזוינע ווי מײַן מײַסטער מילער. צווישן די דײַטשן זײַנען אויך דאָ גוטע לײַט, אָבער זייער ווייניק, ליידער". יאָ, מיר האָט טאַקע געטראָפֿן אַ „גליק". און די אַרבעט ניט קיין צו שווער, און דאַך אונטער אַ דאַך, און אַפֿילו וואַרעם.

און איינמאָל באַמערקט, אַז איך בין געווען בײַ

56 ער פלעגט מיר רופן „קליינער" — (איך
בין גאָר ניט געווען קיין קליינער) נאָר אַזוי פלעגט
ער מיר די גאַנצע צײַט רופן. איך פלעג הייצן דעם
סאַמאָוואַר, ברענגען פון דניעפּער, פאַרשיידענע שטיקלעך
פון ברעטלעך, באַלקעס און וואָס עס דאַרפט נאָר. די
אַרבעט איז ניט געווען קיין שווערע, אָבער די הויפּטזאַך
איז געווען, אַז קיינער פלעגט אויף מיר ניט שרייען
און ניט געבן קיין קלעפּ. מײַן טאַטע און ברודער
האָבן געאַרבעט אויף דעם דניעפּער פון פריער „מאַזל".
זיי איז געווען שווערער פון מיר. און אַז עס פלעגט
האָבן זיי זײַן אַ ווײַליקײַט, פלעגן זיי קומען צו לויפן
צו מיר זיך אַ ביסל אונטערעסן. און אין די שבתים
פלעגט באַבעשקע זײַן גאָר קאַלט און נאָך אויף
אַ פײַערדיק וואָגן און אין אַ קעלט איז גאָר געווען עס
שרעקלעך.
„מײַן" מײַסטער מילער האָט רעגירט. די
[illegible], גערייכערט אַ סיגאַרעט און זיך געווענדעט
צו מיר:
— קליינער, פּאָסטוי. דו נאָך וואַרעם אין לאַגער?
— יאָ, האַר מײַסטער, דאָס איז מײַן פאָטער און ברודער!

55 | אַ שוואַכער, און זע ער האָט געשריבן, האָבן זייער
אייגן געפּלישטשעט און ווען איך וואָלט ניט געוווּסט, אַז
דאָס איז מיין פאָטער, וואָלט איך אים ניט דערקענט.
און זיינע 42 יאָר האָט ער אויסגעזען ווי אַן אַלטער
ייִד פון אַ יאָר 70. אַנדערש וואָס האָב איך געקענט
מאַכן? מיר איז געווען 18 יאָר און מיסטאָמע האָב
איך אויך אויסגעזען אַ סך עלטער. קיין שפּיגלען
זיינען דאָך אונדז ניט געווען...
אַנדער טאָג, אין דער אַרבעט, האָט מיר אַ ביסל
צוגעגליקט". איך האָב דורך אַ באַקאַנטן באַוויזן זיך
אייַנגעאָרדנט אין דער אַרבעט אַלס אַ שמירער פון
די בעטאָנפּאָמפּעס. ערשטנס, האָב איך געאַרבעט אין
אַ געביידע, ווי עס איז געשטאַנען אַ קליינער אויוועלע,
אַ אייַזערנער, וואָס פלעגט געבן וואַרעמקייט. און
צווייטנס איז דאָך מיר געווען אַ גוטער מײַסטער, אַ
עסטרייכער, מיט די פאַמיליע מילער. עס האָט מיר
טאַקע אָנגעגליקט. איך פלעג קומען אייַנדערפרי, מיט
אַלעמען גלייך, אין דער אַרבעט, פלעג נעמען מיינע
שמיר־אינסטרומענטן און פלעג שמירן אַלע מאַשינען,
ווי מיר האָט געוויזן מײַסטער מילער.

54 לעצטנס, ווען האָבן נאָך געדיכטעט — פֿאַר צײַ
איז גאָר געווען שווער. איך האָב געזען ווי מענטשן לײַט
האָבן געוואָרפֿן אויף דער ערד אַ ברעקל פֿון אַ פּאַפּיראָסן.
סיגאַרעט און זיי זײַנען געשטאַנען און צעפּלאָנטערט געהאַפֿט
דעם רויך פֿון סיגאַרעטן-ברעקל, אַז עס איז געווען אויף
צו שמעקן צו קוויקן. מיר האָבן אַ ביסל רייך, נאָר
פֿילן דעם טעם פֿון די סיגאַרעטן — און עס וועט זײַן
צו לײַכטער. און איינמאָל האָב איך דערזען מײַן טאַטן
ווי ער האָט אויפֿגעהויבן אַ גאַנץ קליין ברעקעלע פֿון אַ
סיגאַרעט און ווי אַ פֿאַרקישעפֿטער געהאַפֿט דעם רויך
אין זיך. דאָס איז נאָך ניט אַזוי שרעקלעך, אָבער
מענטשן האָבן פֿאַר אַ סיגאַרעט אַוועקגעגעבן אַ פֿיילער
פֿון זייער קליינער ברויט פּאָרציע — אַ פֿיילער אַ העלפֿט.
אָט דאָס איז געווען שרעקלעך. איך האָב געפֿרעגט, מײַן
טאַטן:
— טאַטע, פֿאַרוואָס רייכערסטו? דו האָסט דאָך פֿריער
אויפֿגעהערט ניט גערייכערט?
— פֿאַרשטייסט, טײַערינקע, עס ווילט זיך שפּירן דעם רויך
פֿון אַ סיגאַרעט, טאָמער וועט ווערן לײַכטער!
עס האָט אויסגעזען ווי דער טאַטע איז, אַן אַנדערער,

אומפאַרגעסלעכע לאַגערטעג:

...וואָס ווײַטער, איז אַלץ געווען שווערער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קעלטן, די קאַפּאָס האָבן געמאַכט מער עסן, און דער הונגער האָט אַלץ מער און מער געווירקט אויף אונדז. מענטשן זײַנען קוים אַרומגעגאַנגען, אַלע מאָגערע, אויסגעדאַרטע, פאַרשוואַרצטע. אויב פריער פלעגט מען נאָך אַ מאָל געבן אַ שמיצל צוקער אַפילו אַ לעק טאָן, איז איצט האָט מען שוין פאַרגעסן וואָס דאָס איז. מען איז געגאַנגען מיט אַרײַנגעפאַלענער הויט, געזוכט עפּעס ווי צו געפינען צום עסן. יעדן טאָג פלעגט מען קריכן פאַרוואָרנט צום גרויסן קעסטן לעבן קיך, ווי מען פלעג אַרויסוואַרפן די בולבע-שאָלעכטס, פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט, וואָס די דײַטשן פלעגן ניט דאַרפן. דאָס איז, האָבן די וואַכלײַט, איז אויך ניט געווען קיין איבעריקס וואָס צום עסן, ילעבער דאָך צײַטן זײַ געווען זאַט. צוליב צום איז געווען אַ האָבסל מיט פּעטס, און מען פלעגט זיי געבן פּליוש און אויך צום רײַכערן סיגאַרעטן. און די לײַטן פון

52 צווינגען ארבעטן און אויסהאַלטן די קלעפּ, וואָס מיר
פֿלעגן קריגן גאַנץ אָפֿט.

לעבן לאַגער־טויער האָט מען אויסגעשטעלט אַ
קליינע בודקע, אַ האַלבע אין דער ערד און דאָרטן פֿלעגט
מען אַרײַנשטעקן די טויטע קערפּערס פֿון מענטשן, וועלכע
האָבן די לעצטע צײַטן געשטאָרבן פֿון הונגער, פֿון
קעלט און פֿון שוואַכקייט. אַ דײַטשישער פֿעלדפֿעבעל
מיט אַ גרויסן צוואַנג אין האַנט פֿלעגט גיין יעדן טאָג
צו די בודקע לעבן טויער, פֿלעגט עפֿענען דעם די טויטע
דעם מויל און ציִען גאָלדענע ציין. און ווי גאָר לײַכט
אַרויסרײַסן, ווײַל די טויטע פֿלעגן ניט שרײַען און האָבן
אים איז געווען אַ גאַנץ לײַכטע אַרבעט...

דער הונגער, האָט פֿון טאָג צו טאָג מער
געפּײַניקט, מען האָט געטרוימט פֿון אַ גאַנצן עסן,
פֿון אַ וואַרעמע בעט צום שלאָפֿן און די הויפּטזאַך
פֿון אַ פֿרײַען, גליקלעכן לעבן... אָבער דאָס איז אַלץ
געווען אין טרוים, אין חלום...

און יעדן טאָג, ווײַטער אַלץ דער ערגסט, ווײַטער שלאָגן,
אַרבעטן, האָבן קלעפּ, און ווײַדער טרוימען. ווי נעמט מען
צו דעם כּוח ???

51) דיזע אינצידענט האָט מען אַלע פֿרויען איבערגעשראָקן, און
דער אויסזען איז בײַ זיי געוואָרן אַ אַנדערער...
אָבער דער קאָמענדאַנט האָט גלייך געמעלדן, אַז
עס וועט זײַן אַ נײַער קאַפּאָ, בײַ זיי אין לאַגער און די
„שוועדיקע" קאַפּאָ, וואָס פֿון מאָרגן אָן אַרבעטן אין פֿירמע
„מאַל". די פֿרויען האָבן נאָך אַלץ איר געשריען, אָבער מיט
דער צײַט האָבן זיי זיך באַרויִקט. אגב דער אויסזען
בײַ זיי איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, ניט „אַמבעסטן". אַז
וועגן גייען אָן האָר (און אונדז האָט מען טעגלעך אָפּגעשוירן די
קעפּ איבערגעשאָרן, עס זאָלן ניט זײַן קיין לייז) איז
אַ אַנדער זאַך, אָבער פֿרויען אָן האָר — דאָס איז עפּעס
אַנדערש. זיי האָבן טאַקע אַלע אָנגעטאָן אַלץ מעגלעכן
קאָפּטיכלעך און דער אויסזען האָט זיך בײַ זיי געביטן.
אָבער אַ שטראָף איז דאָס געווען פֿאַר זיי אַ שרעקלעכע
כּפּרה און זיי האָבן דאָס ניט געקאָנט פֿאַרגעסן...
... און אין לאַגער איז די לאַגע געוואָרן אַלץ
ערגער און ערגער. דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט און
אַלע זײַנען געווען אויסגעשעפּטע און מען האָט געטרוימט
עפּעס אָפּעסן, האָבן אַ שטיקל פֿון דער צײַט, זיך
מער אָפּרוען, ווײַל עס איז ניט געווען קיין קיילעך. צוזיי

וואָס איז געשען מיט די פּריצים און מען האָט
גלײַך געשאָסן פֿון די בײַקלעך, גלײַך אויסגעשאָסן
פֿרויען אויף די בײַקלעך און דער קאָמאַנדאַנט האָט געהייסן
די פּריצים גלײַך אָפּשערן די פֿרויען די קעפּ, אָפּשערן די
גאַנצע האָר...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויינערײַ, אַ שרײַערײַ,
די פֿרויען האָבן געקוויטשעט, די קאָפּאָס האָבן זיי געהאַלטן
אויף די בײַקלעך און באַלד האָבן זיך באַוויזן פֿרויען
מיט „שקאַלעטע קעפּ", אָנגעטאָן אין האָר.

אין דער צווייטער זײַט האָט מען אַרײַנגעפֿירט אין
פֿרויען-לאַגער צייטער קאָפּן, ווער איז שוין געווען מיט גלאַטע-
שוואַרצע האָר, און דאָס וואָס געשעדט, געזען געראַנגלט
אויסער אין אירע באַלאַנגען זאַכן. די פֿרויען האָבן איר דערזען
און גלײַך זיך מער אָנגעהויבן שרײַען

— דאָס איז זי, די פּראָסטיטוטקע! צוליב איר דאַרפֿן
מיר אַלע לײַדן דאָ! צוליב איינע דאַרפֿן מיר אַלע
גיין אויף עקזעקוציע!

און פֿילע פֿרויען האָבן געוואָלט איר אָפּרײַסן די האָר,
אָבער דער קאָמאַנדאַנט האָט מיט לייען פֿרויען געהאַלטן
מיט זײַן שטעקן און עס איז געוואָרן שטילער.

(49) פון לאַגער. וואָס האָבן מיר דעם קאַפּאָ־ראַן באַקומט
מיט געזען. און די געשיכטע האָט זיך געענדיקט מיט דעם ניט
געענדיקט...

שוין פאַרנאַכט איז דער קאַפּאָ פון אונדזער לאַגער
גרינפעלד אַרומגעלאָפן איבער גאַנצן לאַגער און געזוכט, וואָס קען
שטעלן די האַנט, וואָס איז אַ פרייער. ער האָט צונויפגעקליבן
עטלעכע מענער און זיי אויפגעפירט אין פרויען־לאַגער, ווי צו
דער צייט, צווישן אַלע פרויען שוין געשטאַנען אויף אַפּעלפּלאַץ.
דער קאָמענדאַנט מיט זיין אָנגייער האָט אָנגעוויזן
פערצי פרויען, געשטאַנען צווישן די רייען צוזאַמען און איז
אַרויס פון באַראַק און זיי געזוכט!

— היינט איז אין אונדזער לאַגער געווען אַ פּאַרדעמאַן.
אונדזער לאַגער קאַפּאָ האָט געוויינט, אַז ער וועט אַלעמען צו
גרייט און מען קען צו אין לאַגער מאַכן אַ באָרדעל! נײַן!
מען האָט אונדז נישט געבראַכט צום אַרבעטן און ניט זיך
באַשעפטיקן מיט פּראָסטיטוציע! איך האָב באַשלאָסן אײַך
אַלעמען אויסלערנען ווי זיך צום פירן און באַלד וועלן אַלע
פרויען וועלן זיך פאַרשעמען! מען דאַרף וויסן ווי מען געפינט
זיך און ווי זיך צום פירן אין לאַגער!
ער האָט אַ געשריי געטאָן צום קאַפּאָ־גרינפעלד,

„ניט אין די בעסטע שטימונג" און דער קאָמענדאַנט
האָט זיי ביידן געלאָזן מיט די שאַגײַקע צו איין מאָל.
ער האָט זיך ווידער פונאַנדערגעשריען:
— איך וועל אײַך אויסלערנען, ווי זיך צו פירן אין
לאַגער! קיין באָרדעל וועט דאָ מער ניט זײַן! דאָנער־וועטער!
קיין פּראָסטיטוציע, וועל איך דאָ ניט לאָזן!!!
ער האָט זיי ביידן אַוועקגעפירט פון דאָרטן. און
ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוויסט „אײַנצלהייטן"
פון דער געשיכטע.
האַלבערט, דער לאַגער־קאַפּאָ, איז געווען אַ גרויסער,
און געוועזענער דײַטש, אַ רויבער, אַ באַנדיט, וועלכער איז
געזעסן מיט אַ גרינעם דרײַעק, און פלעגט גאַנץ אָפט
אין לאַגער אַוועקגיין מיט זײַן שאַגײַקע. ווי עס
שײַנט האָט ער זיך פאַרליבט אין די פרויען־קאַמפּן
(זי איז טאַקע געווען זייער אַ שיינע פרוי) און פלעגט אין
פרײַע צײַט גיין צו איר אין איר בודקע.
אין דעם טאָג, ווי עס ווײַזט אויס, איז האַלבערט
אויך געקומען צו איר, און דער קאָמענדאַנט האָט עס
באַמערקט און איז אַרײַן צו זיי און זיי געכאַפּט אין
בעט אין „שענסטן מאָמענט", און האָט זיי אַרויסגעפירט

47 | 6 אַ זייגער אינדערפֿרי האָט די טאָג-שיכט און 6
אַ זייגער אָוונט האָט די נאַכט-שיכט, און צײַן האָט דער
אַרבעט 12 שעה און די וועג צו פֿוס אַהין אַ שעה און צוריק
אַ שעה...
... איך האָב אַ ביסל געשלאָפֿן, פֿון אַ זייגער 7 ביז
12 בײַטאָג און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, דערמאָנענדיק
די „שיינע שטימע" פֿון לאַגער-קאָמענדאַנט. איך בין
אַרויס אויפֿן גאַס. די זון האָט געשײַנט און איך האָב געזען
ווי מענטשן קלײַבן זיך בײַם צוים פֿון שטעכיקן דראָט,
צווישן דעם מענער און פֿרויען לאַגער. דער קאָמענדאַנט
איז געווען זייער בייז, מיט אַ רײַטע צווײַג, ער האָט מיט
די שפּאַגײַרע געקנאַקט אין דער לופֿטן און געשריען:
„— פֿאַרפֿלוכטע יודן-שווײַנע! איר האָט קיין
אַנדערע אַרבעט ניט צו! איר האָט אין לאַגער געלעבט
אַ פֿאַרגעניגן? איך וועל אײַך ניט שוינען!
און דאַן האָבן מיר דערזען ווי דער קאָמענדאַנט
פֿירט אַרויס פֿון די בודקע וואָס ער האָט געלעבט די
פֿרויען-קאַפּאָ אַ מאַן, און מיר האָבן אין איר דערקענט
אונדזער לאַגער-קאַפּאָ ראָבערט. זי איז געגאַנגען מיט
אַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ראָבערט איז אויך געווען

שטיין און אין אַ נידעריקער שטעלע. איבערהויפּט האָבן די פֿרויען
געקענט דורכטראָגן דעם הונגער בעסער פֿון די מענער.
אַרבעטנדיק אין קיך, פֿלעגן זיי מער וואָס קענען עסן און
אַפֿילו עטוואָס איבעריקס געבן באַקאַנטע מענער. די
פֿרוי, וואָס איז אַמאָל געווען אין קאָווענער געטאָ, האָט געאַרבעט
אין קיך און פֿלעגט אַמאָל געבן אַ שטיקל ברויט, אָדער וואָס
אַנדערש אונדזער אַ באַקאַנטן מאַן, וועלכער האָט געהאָלפֿן. מיט
אונדז אין איין הייזל און ווען מען האָט געמאַכט רעוויזיע.
האָבן די פֿרויען אין לאַגער אויך געהאַט אַ אייגענער קאַפּאָ,
אַ שיינע, הויכע, בלאָנדע פֿרוי, פֿון אַ יאָר 25. זי האָט געהאַט
אַבער געטראָגן אַ באַנד מיט אַ אויפֿשריפֿט "CAPO"...
... דעם טאָג האָב איך ביז מיטאָגצייט
געשלאָפֿן, ווייל איך בין געקומען פֿון דער נאַכט-שיכט.
און האָבן נאָכט פֿלעגט זיין טאַקע עפּעס 3.10 אַ זייגער אין
האָב טאָג. ערשטנס איז געווען קאַלט, צווייטנס וויל זיך
שלאָפֿן, ווייל אַ מענטש דאַרף טאַקע אַרבעטן, בייטאָג און
שלאָפֿן בייַ נאַכט. די מאַכטערס צו דער אַרבעט צווישן
אויך געווען ניט קיין אויסגעשלאָפֿענע און פֿלעגן אונדז
געבן מער קלעפּ און צו אונדז שרייען טאַקע
בייַ דער נאַכטשיכט. מיר פֿלעגן אַרויס צו דער אַרבעט

... ליט איז שוין פֿאַרבײַ מאַרץ ווי אַ בײַדעש, ווי צו וואַלד אין לאַגער האָט מען געבראַכט פֿרויען. אַז מיר זײַנען געקומען די ערשטע אין לאַגער 1944 (אַפּריל פֿון באַרקעוו) זײַנען געווען נאָר מענער פֿון ליטע — פֿון קאָווענער און שאַוולער געטאָס. שפּעטער האָט מען צו וואַלד געבראַכט ייִדן פֿון אונגאַרן און יוגאָסלאַוויע. שפּעטער זײַנען צו וואַלד אָנגעקומען עטלעכע קאָפּעס פֿון וואַרשע און פֿון אַנדערע לאַגערן און אַפֿילו עטלעכע דײַטשישע קאָפּעס מיט גרינע דרײַעקן לעבן זייער לאַגער־נומער אויף די קליידער. מיר אַלע האָבן געטראָגן רויטע דרײַעקן, דאָס הייסט מיר זײַנען געווען פּאָליטישע העפֿטלינגע און מיט גרינע און אויך שוואַרצע דרײַעקן זײַנען געווען גנבֿים, רויבער, באַנדיטן און אַנדערע פֿאַרברעכער.

אין אַ גוטן פֿרימאָרגן האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אַ צאַם פֿון שטעכיקן דראָט אין אַ זײַט פֿון וואַלד־לאַגער און אָפּגעטיילט אַ שטיקל פֿון לאַגער, ווי מען האָט אין עטלעכע טעג אַרום געבראַכט עטלעכע הונדערט פֿרויען פֿון שאַוולער לאַגער און אויך פֿון לעטישע געטאָס. די פֿרויען האָבן געאַרבעט בײַם אויפֿראַמען די געבײַדעס ווי מיר. האָבן געלעבט די וואָכנבײַט, געאַרבעט אָבער קיך

44 דערן מיט דושן און מען האט געעפנט די וואסער,
די וואסער איז געווען קאלטער און אלע 20 נאקעטע קערפער,
האבן אפגעשפרונגען פון א זייט, אלע אין א מינוט אזוי
צוויי ארום האט זיך אנגעהויבן גיסן ווארעמע וואסער
און ווי נאר מיר האבן זיך אנגעוועשט, איז די וואסער
געווארן גאר הייסע און מען איז ווידער אפגעשפרונגען
און אנגעהויבן שרייען. איז ארייגעשפרונגען צו אונז
איינער פון די „באדע-לייט", א האלב מיט א נאגייקע
און האט אנגעהויבן שלאגן אונדז. מיר האבן זיך
געשריען, אז עס איז הייסע וואסער, האט ער געזאגט
אז מיר וואשן זיך לאנג, ארויס, געמאכט די וואסער
קאלטער און ווי מיר האבן זיך נאר א וואש געטאן, איז
די וואסער ווידער געווארן קאלטער. און באלד האט מען
אנגעהויבן די וואסער צוגעמאכט. ווייטער מיט קלעפ
פון די נאגייקע צייגן מיר ארויס אין אנדערע צימער,
ווי מען האט אונדז געגעבן שוין נייע, ריינע זאכן.
אבער די הויזן פאסן געווען ברייט אף מיר און איך
האב געמוזט צו האלטן מיטן האנט, ביז מיר ציען
ארויס פון באד און איך האב געדארפט האבן א באקומען
א שטריקל אונטערצובינדן די הויזן.

43 | וואַשן. און מיר האָבן אויף דעם אומגעדולדיק שוין
געוואַרט. און איז מען האָט שוין אויסגערופֿן די פּירקאַנ-
טיקע גריבער און געשטעלט דערבײַ די נײַע הײַזלעך,
און יעדער געבעטן אײַזערנע אײַמערלעך, ווען איז געווען
עטוואָס פֿריִער-צו. מען האָט אין לאַגער געבעטן
שטיקלעך האָלץ צום הייצן די אײַמערלעך און אויך שטיקלעך
טאָרף, און ווען די אײַמערלעך זײַנען געוואָרן וואַרעם, דאַן
איז שוין געוואָרן בעסער. פֿון דער זײַט אין די
ערד-הײַזלעך זײַנען געווען מיט ברעטער אויסגעלייגטע
נאַרעס און אונטן איז געווען דער אײַמערל, וועלכער
האָט אַ ביסל געוואַרעמט אונדזער מאָגערע, פֿאַרפֿרוירטע
און שוואַכע קערפּערס.

און דאָס איז נאָך אַ „גליק". מען האָט געענדיקט
בויען די באַן און באַלד האָט מען אונדז געהייסן זיך גיין
וואַשן. די קערפּערס זײַנען געווען זייער שמוציק און
דאָס האָבן מיר געעפֿנט די טיר פֿון באָד. דאָרטן זײַנען
געשטאַנען דאָרט 4 געזונטע, יונגע בחורים, געשריגן אויף
אונדז און געהייסן זיך גיך אויסטאָן און אַוועקוואַרפֿן די
שמוציקע זאַכן. די 20 מינוט האָט מען זיך אַרײַנ-
געטריבן אין האָלץ-דימער „וו. עס זײַנען געשטאַנען

242 ער האָט אַ װײַל געשטאַנען מיטן האַנט און מען
האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלע פֿיר אַרום טיש, צו געבן
האַלדז אָנגעטאָן די שטריק און אַראָפּגעלאָזן דעם
טיש און אַלע פֿיר מענטשן זײַנען געבליבן הענגען
אין דער לופֿטן. דער לאַגער האָט געשוויגן און עס
איז געווען אַזוי שטיל, ווי דאָרט וואָלט ניט געווען קיין
איין מענטש.
— קוקט אויף די געוועזענע הערשטלינגען — האָט
ווײַטער געזאָגט דער קאָמענדאַנט און באַוויזן מיטן
האַנט אויף די פֿיר הענגענדיקע טויטע קערפּערס —
און ווער עס וועט ניט אויספֿירן די באַפֿעלן פֿון אונדז
דער וועט הענגען אַזוי אַזוי ווי די!!!
אַלע האָבן געשוויגן און שטילערהייט מינוט
אַרום האָט מען אונדז געהייסן זיך פֿונאַנדערגיין.
...אין לאַגער האָבן זיך באַוויזן לײַט. דאָס
איז געווען ניט אין דאָרף, און דאָרטן איז שוין געווען
גוט הענדלט און מען האָט אָנגעהויבן דאָס שטיקל,
וואָס וועלן זײַן אײַנגעגראָבן מיר ווי אויף דער הילף
אין דער ערד, עס זאָל זײַן וואַרעם. און אַזוי האָט
מען געטריבן אַ נײַע באַן, מען זאָל זיך קוקן

41 און איצט, אז מען האט באשלאסן אויפהענגען
די צוויי געלאפענער, האט דער קאמאנדאנט באפוילן
די צוויי מענטשן, וואס האבן געוואלט ווארעמער פיס,
אויך צו ווערן אויפגעהאנגען. מען האט שנעל אויפן פלאץ
אויסגעשטעלט דעם גאנצן לאגער און געהאנגען 4
מענטשן, מיט פארבונדענע פון הינטן די הענט, מיט
4 וואכלייט, מען האט אוועקגעשטעלט א טיש און נאך
דעם, ווי מען האט זיי אויפגעהאנגען, האט ארויסגעטרעטן
מיט א רעדע דער קאמאנדאנט:
— באַ אונדז וועט אנטלויפן זיין אומעגלעך. צוויי
פארברעכער האבן לאנגע צייטן אנטלאפן און האבן
געמיינט, אז מען וועט זיי קיינמאל נישט כאפן. עס האט
אונדזער געשטאפא ארבעט גוט און באלד שטייען זיי
א נאָט קאפן אייך. און די צוויי „יידן-שווייצער" האבן
געמיינט, אז מען קען נעמען דייטשישע דעקעס און עס
צושניידן און צופרייסן, און טאן וואס זיי ווילן. ניין,
באַ אונדז וועט דאס נישט זיין! דאס געהערט צו
די דייטשישע מאכט, און איך ווילט איר זאלט געדענקען
אויף ווייטער, אז ווער וועט טאן עפעס קעגן אונדזערע
מאכט, קעגן אונדז, וועט האבן אזא סוף!!!

פֿון שטריק. דאַן האָבן מיר שוין גאָר קיין זאַך ניט פֿאַרשטאַנען. פֿאַרוואָס 4 שטריקלעך? מיר האָבן שוין געהאַט געזען, אַז לעבן גרענעץ פֿון טשערנאָבילער-וואַרע' האָט מען געשטעקט די "דראַט-אָפּלעבער" און מען קלייבט זיך צו אויפֿהענגען. אָבער דאָס זיינען דאָך געווען 2 מענטשן, און פֿאַרוואָס הענגען 4 שטריק?

און דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט נאָך אַ געשיכטע. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער הערבסט, עס איז גאָר אײַנגעפֿרוירן געווען גאַנץ קאַלט און עס האָבן שטאַרק געפֿרירט די פֿיס. ווײַל קיין שיך האָבן מיר ניט געהאַט, מען האָט אונדז געגעבן מיט הילצערנע אונטער-לאַגן אַ סאָרט שיך, גאַנץ אָפֿענע און אײַנגעפֿרוירן, איז עס איז שוין געווען קאַלט, פֿלעגן פֿרירן די פֿיס. האָבן 2 יאַטן צעריסן לאַגער-קאָלדרעס, וואָס מען האָט צוי אַרויסגעגעבן זיך צו צודעקן און מיט די שטיקלעך פֿון די דעקעס אַרומגעוויקלט די פֿיס. האָט עס גאָר צופֿעליק דערזען דער קאָמענדאַנט, זיי געלייך צוגענומען און אַרײַנגעזעצט אין "לאַגער-טפּיסע".

39) זײַט האָבן בײדע באַװאָרנט שוין ניט קיין װײנען,
אַרײַן אין װעלדל און אַנטלאָפֿן. דער אָסמאַן איז
געקומען אין אַ סך מינוט אַרום, האָט דערזען, אַז זיי
זײַנען ניטאָ, האָט ער געמײנט, אַז זיי האָבן געענדיקט
די אַרבעט און אַװעק אין לאַגער. ער איז אַװעק צום טויער
און געפֿרעגט צו זײַנען 2 האַפֿטלינגען אַרײַן אין לאַגער,
און אַז מען האָט אים געזאָגט אַז ניט, האָט ער
פֿאַרשטאַנען אַז זיי זײַנען אַנטלאָפֿן. מען האָט גלײַך
אַ שיסערײַ, אַלאַרם. עס איז דערװײַל אַװעק אַ סך צײַט,
און אַז אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פֿון װאַכלײַט זײַנען
אַװעק אין װאַלד און זיך צוריקגעקערט מיט לײדיקע
הענט, האָט מען פֿאַרשטאַנען אַז זיי זײַנען אַנטלאָפֿן, און
מען האָט זיך געפֿרייט, אַז עס איז זיי געלונגען צו
אַנטלויפֿן. אַלײן די דײַטשן האָבן ניט געקענט דאָס
פֿאַרשװײַגן, מען האָט געמאָלדן אין געשטאַפּאָ און מען
האָט זיי געזוכט.
מיר זײַנען געקומען פֿון דער אַרבעט, מידע און
שװאַכע, און הונגעריקע אין לאַגער, האָבן מיר דערזען
אויפֿן אַפּעלפּלאַץ אַ טישל. אַ גרויסע און הויכע טישל
צום הענגען מענטשן. און עס זײַנען געשטאַנען פּי-

38) איך האָב דערהערט די שיסערײַ, האָב איך זיך
אויך געלייגט אויף דער ערד. ניט ווײַט פֿון מיר,
שיין אַ בונקער, איז דערשאָסן געוואָרן אַ עלטערער־ייִד
און שוין איינער איז געשטאַנען לעבן אַ פּעלפּאַלע און
די קויל האָט אים געטראָפֿן אין פּלייצע און ער איז
גלייך געפֿאַלן אַ טויטער. מיטלערווײַל זײַנען געוואָרן
פֿאַרוווּנדעט, און מען האָט זיי גלייך אַוועקגעפֿירט
אין לאַגער־רעוויר (האָספּיטאַל).
אין מיטלער טאָג שפּעטער האָט זיך אויך
פֿינצטערן לאַגער דערהערט אַ שיסערײַ. און דאָ האָבן
מיר זיך דערוווּסט, אַז פֿון לאַגער זײַנען אַנטלאָפֿן
2 מענטשן. איינער אַ ייִד פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע און
דער צווייטער אַ ייִד פֿון אונגאַרן. פֿאַר די עלטערע
אַ דאַנקשיין האָט מען שוין אין לאַגער געהערט נײַעס
„האָמטעלינגער" פֿון אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע און טשעכאָסלאָוואַ־
קײַ! ווען אַלע 2 מענטשן האָבן געלאָפֿן ניט ווײַט
פֿון לאַגער, לעבן וואַלד, און דערבײַ איז אַרומגעגאַנגען
אַ וואַכמאַן. ער האָט עמעצן פֿון די וואַכלײַט [illegible]
און איז אַוועק אין די באַראַקן, אין די הײַזלעך, ווי עס
האָבן געוווינט די [illegible], און אין דער זעלבער

37) שיסעלעך מיט װאַרעמער יאַסעלע מיט טעלער־
גריפּן, אַזױ אַמאָל אַ פּאָר ברעקלעך קרױט.
פֿון עסן איז ניט געװען קײן קלער ניט.
נאָך צום אַרבעטן, נאָך שפּעטער אַרומצוגײן. און
װאָס װײַטער, האָט דער הונגער אַלץ מער זיך
געשפּירט. מען איז געװאָרן אָפּגעשװאַכט, אָן מוט
און אָן קױעך צום גײן, אַלדע עפּעס צום טאָן.
און דאָ איז שױן געקומען דער האַרבסט און עס
איז געװאָרן נאָך ערגער. און טאַקע דאַן צו יענער צײַט,
דאָס איז געװען אין אָנפֿאַנג סעפּטעמבער, אין מיטן
טאָג, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ רעש, אַ
שטאַרקער טראַסק־געװײן איבערן לאַגער, צײען דורכגעפֿלױגן
3 אַמעריקאַנישע מיליטער־עראָפּלאַנען און מיט קױלן־
װאַרפֿער באַשאָסן דעם לאַגער. דאָס האָט געדױערט
אײן מינוט און האָט אָפּגעטאָן גאָר אַ סך טױזנטער לעבנס.
װי עס װײַזט אױס האָבן זײ געװאָלט באַשיסן דעם
לאַגער, דאָס הײסט די הײַזלעך, װוּ עס האָבן געלעבט
די װאַכלײַט, אָבער מיט אַ סעקונדע אַלזאָ צװײ פֿריער
געװאָרפֿן דעם פֿײַער און געטראָפֿן אין לאַגער פֿון אונדז.
און דער צײַט בין איך געװען אין לאַגער אַלײן, איך

טע גענעראַלן און אָפֿיצירן אויך. אָבער די
דיסציפּלין אין אַרמיי איז געווען אַזוי שטרענג,
און די געשטראָפֿענע האָט געהאַט אַזוינע פֿיל
„אייגענער מענטשן“ אין די אַרמיי־אָפּטיילונגען, אַז
מען האָט מורא געהאַט ניט נאָר צו זאָגן, נאָר
אַפֿילו צו טראַכטן וועגן דעם.
אָט אַזאַ איז געווען די לאַגע בײַ די
באַפֿעלקערונג און אין די דײַטשישע אַרמיי. און אָט
האָבן די שרעקער גענעראַלן און אָפֿיצירן אָנגעהויבן
אויפֿהייבן די קעפּ און געוואָלט אַוועק האָבן גענומען דעם
„פֿירער“, אַז עס זאָל ווערן שלאָגן און עס זאָלן
מער ניט זײַן קיין קריגערייען. אָבער לײַדער
שאָדע, וואָס עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן!
די נײַעס האָבן מיר גלײַך איבערגעגעבן אין
לאַגער, אָבער די שטימונג איז פֿון יענעם טאָג
געוואָרן פֿאַר אונדז ערגער און ערגער. דאָס עסן
האָט זיך אָנגעהויבן דער הונגער. מיר האָבן
באַקומען 300 גראַם ברויט אַ טאָג, [illegible] און
אין אָוונט צו אַ גלעזל ביטערן ערזאַץ־קאַפֿע און אין
מיטאָג אַ טעלער, אָבער קלענער געציילטע אַ

עס איז מיר געוואָרן די מילחמה און עס
וועט זיך ענדיקן שוין רויִק, אין פֿריִדן. און
טאַקע דערפֿאַר, און דערנאָך, איז די אַמעריקאַנער און
ענגלענדער זײַנען שוין אין קאָמפּלעטער קאָנטראָל די
דײַטשן און עס איז שוין געעפֿנט דער צווייטער פֿראָנט,
ווײַל די דײַטשן שלאָגן. די מילחמה, וועלן זיי געוויס
פֿאַרשפּילן און אין דער צײַט וועלן זײַן נאָך זייער
פֿיל קרבנות. און טאַקע דערפֿאַר האַלטן די דײַטשן
די לעצטע צײַט אָנגעווענדן זײַן ניט צופֿרידן מיט
די לאַגער און דאָס וועלט, און מיט דעם וואָס די דײַטשי-
שע אַרמיי גייט צוריק און צוריק און די שלאַכטן
ווערן פֿאַרשפּילט פֿון די דײַטשן [illegible] נאָך די
אַנדערע. עס גייען שוין שלאַכטן אין פּוילן, די
גאַנצע טעריטאָריע פֿון די פֿאַרכאַפּטע רוסלאַנד
איז ווידער אַוועקגענומען געוואָרן. די אַמעריקאַנער,
ענגלענדער און פֿראַנצויזן, האָבן אָקופּירט די שטעט,
אַלץ וואָס געהאַלטן דײַטשן און אַלע פֿאַרשטייען
שוין, אַז די מילחמה וועלן זיי ניט געווינען.
[illegible] שטימונג איז געוואָרן בײַ די דײַטשישע
באַפֿעלקערונג און אויך בײַ די קלוגע

34 דער מאַסטער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום,
מיר באַגריסט, געענטפערט, נאָר גלײַך געגעבן די
צײַטונג און געזאָגט:
— לייען, שנעל, און גיב מיר גלײַך צוריק!
איך האָב גענומען די צײַטונג, אָנגעהויבן צו
לייענען, און נאָך עטלעכע פֿון אונדז האָבן געלייענט
מיט מיר צוזאַמען.
„דער פֿירער איז געבליבן לעבן, גאָר ווייניק
פֿאַרוווּנדעט. אַלע די פֿאַררעטער פֿון דײַטשן פֿאָלק
וועלן ווערן דערשאָסן!"
און דאָ האָבן מיר פֿון ווײַטן דערזען דעם
מאַן, וואָס האָט געטראָפֿן אונדז געבן די מאַטעריאַלן
און מיר האָבן גיך די צײַטונג געגעבן דעם יונגן
מאַסטער. „וואָס הייסט, איז עס צײַטן דאָ צוריק
געקומען פֿאַר פֿעסטלעכן? די מילכאָמע גייט שוין
אַזוי פֿיל יאָרן, אַזוי פֿיל אומגעקומענע מענטשן, ניט
נאָר פֿון אידן, רוסן און אַנדערע פֿעלקער, נאָר אויך
פֿיל דײַטשן זײַנען אומגעקומען אין די מילכאָמע.
און דער דײַטשער פֿאָלק איז אויך ניט צופֿרידן.

33 | אַ שטעלע ווי מען קריגט די מאַטעריאַלן. צוזאַמען
מיט אונדז איז מיטגעפֿאָרן אַ יונגער דײַטש, אַ געב.
אַ יונגער, קימאַט אַ יאָר 1718, מיט איין האַנט (די
צווייטע האָט ער דאָרטן פֿאַרלוירן) און מיט אַ ירמלקע
אויפֿן קאָפּ. מיר זײַנען געקומען אויף די שטעלע און עס
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאַן, וואָס דאַרף אונדז
געבן אַ ניצנוואָרג, איז אַוועק אויף אַ ווײַטער וואָך. דער יונגער
דײַטש האָט זיך אָפּגעזעגנט, אַרויסגענומען פֿון קעשענע
אַ צײַטונג „פֿעלקישער באָבאַכטער" און אָנגעהויבן
לייענען. איך האָב אויך אַ קוק געטאָן אויף די
צײַטונג. מיט גרויסע, רויטע בוכשטאַבן איז אויף
דער ערשטער זײַט געווען געשריבן: „דער אַטענטאַט אויף
אונדזער פֿירער איז דורכגעפֿאַלן! די שולדיקע וועלן
באַשטראָפֿט ווערן!" איך האָב ניט געגלייבט מײַנע
אויגן. „אַן אַטענטאַט אויפֿן פֿירער? מען האָט געוואָלט
הרגענען היטלערן? עס האָט זיך ניט געגלייבט.
און איך האָב געפֿרעגט בײַ דעם יונגן מײַסטער:
— וואָס איז געווען אַן אַטענטאַט אויפֿן פֿירער?

32 | אין דרויסן פֿאַרמעס, נעבן האָט געטריבן:
באַנד מיט אַ האַקנקרייץ און מיט אַ אויפשריפט:
„אָרגאַניזאַציע טאָדט". און געאַרבעט האָבן דאָרט
בערך 30-40 מײַסטערס (אויך האָט מען צו געטריבן-מײַסטערס)
און דאָרטן האָבן געאַרבעט בערך 700-800 מענטשן פֿון
אונדזער לאַגער, באַוואַכט פֿון וואַכלײַט. מען
פֿלעגט אונדז ברענגען צו דער אַרבעט אויף דער ...
די וואַכלײַט פֿלעגן זיך פֿאַרענדיקן אַרום דעם גרויסן
בויפּלאַץ און מיר פֿלעגן בלײַבן מיט די מײַסטערס פֿון
„אָרגאַניזאַציע טאָדט".
די ערשטע טעג האָבן מיר געאַרבעט שווער. מען
האָט געגראָבן די ערד, געפֿירט אויף וואַגאָנעטקעס די
אויסגעגראָבענע ערד, געשלעפּט ציגל און צעמענט, אײַזערנע
באַלקנס און פֿאַרשידענע בוי-מאַטעריאַלן. די מײַסטערס
זײַנען געווען בייז, מען האָט אויף אונדז געשריגן און
געשלאָגן אונדז מיט שטעקנס.
אין עטלעכע טעג אַרום, ווי מיר האָבן שוין
אָנגעהויבן צו אַרבעטן, דאָס איז געווען אין אָנהייב
יולי מאָנאַט 1944 האָט מען מיר צוזאַמען מיט עלף
עטלעכע מענטשן געשיקט פֿון בויפּלאַץ אַוועק

31

מיט איר מאַן אַ באַזונדערע באַראַקע, און זאָל
צו גיין אַרבעטן אָפּן קיך!

אַלע זײַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ פֿרײלעכער לייזונג, ווײַל עס האָט זיך אַלעמען גוט געווענדיקט און די פֿרוי איז געבליבן אין לאַגער.

גלײַך פֿון די ערשטע לאַגערטעג האָט מען אונדז אָנגעהויבן טרײַבן צו אַרבעט. אַוועקמאַרש אַ 3 קילאָמעטער פֿון לאַגער, אין וואַלד האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ גרויסן ווערק, וואָס דאַרף זיך געפֿינען אונטער דער ערד, ווײַל עס איז שוין געווען קימאַט אויסגערעכנט אַ גרויסע גרוב, באַ 400 מעטער די לענג און באַ 70–80 מעטער די ברייט. מען האָט אָנגעהויבן בויען אינעווייניק, נישט ווײַט פֿון גרוב, סטאַנציעס פֿון באַטאָנען. דאָס הייסט פֿאַבריקן געמישטן באַטאָן האָט מען צו- געמישט און פֿאַרטיק געמאַכט אין די סטאַנציעס און פֿון דאָרטן דורך ספּעציעלע אײַזערנע טרויגן האָט מען דורך אַ דרוק געשטופּט צו די באַפֿעלשטער, ווי דאָס באַטאָן איז געלייגט געוואָרן דאָרט ווו עס דאַרף צו זײַן. מיט דעם אַלעם האָט אָנגעפֿירט די דײַטשישע באַ-פֿירמע „מוטל". זיי זײַנען געגעבן אָנגעשטעלטן

זי געזאָגט.

דעם ערשטן אויגנבליק האָט דער „לאַגער־
באַלעבאָס" קיין זאַך ניט געקענט פֿאַרשטיין. ווי קומט
דאָס צו אים אין לאַגער אַ פֿרוי? פֿון וואַנען?
— דו ביסט אַ פֿרוי?! — האָט ער איבערגעפֿרעגט.
— יאָ, האָב קיין מורא ניט — האָט זי געענטפֿערט.
דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַזוי הויך פֿונאַנדערגע־
לאַכט אויפֿגעהופּט. געהאַלטן זיך איבערן בויך, און זיך אַזוי
פֿונאַנדערגעלאַכט, אַז עס האָבן זיך אַרום אים שוין
אַרומגעקליבן אַ סך מענטשן. ער האָט געלאַכט,
געדרייט זיך און אים איז געוואָרן אַזוי פֿריילעך, אַז
אַלע האָבן געמיינט, אַז עפּעס וועט אים געשען.
— אַ פֿרוי, צווישן מענער, דאָ ביי מיר אין לאַגער —
האָט ער געלאַכט. און דערנאָך האָט ער אויפֿגעהערט
צו לאַכן און זיך אַליין געשטעלט די פֿראַגע.
— און וואָס וועל איך מיט איר טאָן? גוט, זי וועט
גיין אַרבעטן אין קיך!
ער האָט צוגערופֿן דעם לאַגער־קאַפּאָ גרינפֿעלד
און אים געזאָגט..
— גרינפֿעלד, מען דאַרף אײַנאָרדענען די פֿרוי,
וואָס געפֿינט זיך דאָ אין אונדזער לאַגער. גיב איר

29

אין דער צווייטער זייט, טאקע אין די טעג ווי
אלע האבן געצווארפט זיך אויסטאן, אוועקגעבן זייערע
זאכן און קריגן זאכן פון לאגער, האט זיך געטראפן
נאך א שיינע געשיכטע...

ווי איך האב פריער געשריבן, איז צווישן אונדז געווען
א פרוי. די גאנצע זייט האט זי זיך געהאלטן פון א
זייט, ניט געקראכן און ניט זיך אויסגעטוישט. מען האט איר
געמאכט קול איבער דעם, זי איז געווען אנגעטאן ווי
א מאן, אבער, אז מען האט געצווארפט זיך אויסטאן
אינגאנצן נאקעט, דאן איז געווארן פאראויר גלאט
ניט פריילעך...

איר מאן און זי, האבן אנגעבעטן די היטלער,
און זיינען צוגעגאנגען צו דעם קאמענדאנט, וועלכער
איז ארומגעגאנגען און געקוקט ווי אלע טוען זיך
אויס.

— הער קאמענדאנט! — האט זיך צו אים געווענדעט די
פרוי — מיר ווילן האבן אייך עפעס בעטן!

דער קאמענדאנט האט זיך אפגעשטעלט און פארוואונדערט
געקוקט פון וואנען גייט עס א פרוי'שטימע.

— וואס ווילט איר? — האט ער געפרעגט.

— איך בין א פרוי, און דאס איז מיין מאן — האט

28] דער קאָמענדאַנט „שפּילט אַ לעקציע" ווי זיך
צום פירן אין לאַגער... מיר זײַנען מיד געוואָרן
שטייענדיק, און אַז וועלכער זאָל ניט זײַן אויטאָמאַטיק "צום
שטיין", איז ער אַרויסגעשטויסן צווישן די רייען און
פון צײַט צו צײַט געקלאַפּט מיט זײַן שטעקער
איבער די קעפּ, פּלייצעס און [illegible] און אַלע
וועגן געלערנט ווי צו פירן זיך...
— איר פאַרפלוכטע יודן-באַנדע! איך וועל אײַך
לערנען, ווי זיך צום פירן אין לאַגער!
אַז, די זון האָט אָנגעהויבן זיך פאַרבלאָזן,
און אַז די באַנדע געלערנט האָט זיך געזעטיקט, האָט ער
זיך ניט געפּרוּווט נאָכאַמאָל צו גיין אין טויערן
און אַנטלויפן, זיי איז ניט געבליבן, האָלטיך, אַ באַנקעט.
ער האָט געלאָזן שטיין זעקס גאַנצן לאַגער, נאָך אַ
ביסל צײַט און נאָך עטלעכע מענטשן געגעבן מיט זײַן
נאַגײַקע און דאַן געשטעלט אַ סאָלדאַט און אַ קאַפּאָ
פּיטן די געלט, און געפירט אַלעמען גיין אין זייערע
באַראַקעס.
מיר זײַנען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און געוואַשט
זיך, ווײַל מיר שוין שטייט אָפּ אין האַרץ איז
אויך ניט קיין מעכײַע...

27 די דײַטשישע געלט, און איבערהױפּט די אַנדערע
10 מענטשן, װעלכע דאַרפֿן גײן דורך קיך, נעמען שטילער
עמער מיט װאַסער און אױסװאַשן די געלט, װאָס די
אַלע פֿאַרקנײטשטן, אַז זײ זאָלן זײַן פּונקט װי נײַע.
די לעצטע 10 מענטשן דאַרפֿן די נאַסע געלט לײגן
אַפֿן גראָז און זײ טריקענען און זײ היטן, אַז
יעדער פֿאַרקנײטשטל, זאָל זײַן װי אַ נײַער! אַלעס
האָט איר פֿאַרשטאַנען?! און עטלעכע מענטשן
האָבן אין דער צײַט געקראָגן איבער די פּלײצעס
קלעפּ פֿון זײַן נאַגײַקע...

די ערשטע מענטשן, נאַקעטע, זײַנען טאַקע
געקראָכן אין טונעל, געשלעפּט פֿון דאָרטן די
אױסגעשמירטע געלט, איבערגעגעבן די אַנדערע, װאָס
האָבן זײ געװאַשן. און מיר זײַנען אַלע געשטאַנען
און געקוקט אַף דעם. און דאָס האָט טאַקע געדױערט
עטלעכע גוטע שעה, װײַל אין טונעל איז טאַקע
געװען ניט װײניק געלט... עס איז טאַקע גוט געװען,
אַז עס האָט געשײַנט די זון און די געלט האָט זיך
גיך געטריקנט. און אין דער צײַט װאָס די מענטשן
האָבן געװאַשן און געלײגט טריקענען די געלט, האָט

26 ווען די יונגלעך קעפּעלעך האָבן אויך געזעגנט, אַז
אַלע שטייען אויף אַן ערט, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן:
— איך וויל אויף אייך ניט שרייען, און ניט שיסן.
איך וויל אייך אויסלערנען לעבן! וואָס מיינט איר,
פאַרפאָלגט די באַנדעס דײַטשישע וועלט איז קיין
געלט ניט? וואָס מ'האָט געוואָרפן געלט אין טואַלעט
צאָל אַרויס פון ר"י פּאַנאָוועטס!
פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיך ניט גערירט
פון ערט. זעענדיק דאָס, האָט ער גערופן די "קאַפּעל".
— פון יעדער ר"י צו 10 מענטשן, שנעל!!
אין אַ מינוט אַרום זײַנען 30 מענטשן שוין
געשטאַנען אָנגעקליבן אַלעמען. און ווײַטער אַ באַפֿעל:
— די ערשטע 10 מענטשן דאַרפן זיך אויסשטעלן שנעל!
ניט פאַרשטייענדיק וואָס עס טוט זיך, האָבן די 10
מענטשן זיך גיך אויסגעשטעלט. עס איז גלײַך געוואָרן גליק,
אַז עס איז געוואָרן אַ וואַרעמער טאָג און די זון האָט
געשײַנט. אַלע זײַנען געשטאַנען און גלײַך ניט געקענט
פאַרשטיין, וואָס דער קאָמענדאַנט וויל.
— און איצט — האָט ער געזאָגט ווײַטער אַ באַפֿעל —
דאַרפן די 10 מענטשן, זיך אָנקלעטערן, קריכן אין
טואַלעט, אַרויסנעמען פון אינעווייניק די געלט,

25 געהייסן אַוועקגעבן אַלע זאַכן, און מען ווערט
אין געלט, פֿאַרשטייט זיך אויך. אַלעס ווער גיט דאָס אַוועק
איינער אַליין זײַנע געלט? האָט מען אָנגעהויבן די
געלט באַהאַלטן, און באַגראָבן און אַפֿילו וואַרפֿן צו אין
טואַלעט... אין לאַגער, ווי עס זײַנען נאָך ביז איצט
ניט געווען קיין מענטשן, זײַנען געווען צוויי טואַלעטן.
אָבער מען האָט זיך שוין מיט צײַט באַנוצט מער ווי אַ
וואָך צײַט, און עס איז שוין געווען דאָרט אַ סך שמוץ.
און אַז מען האָט שוין געשיקט מיטן איבערפֿירן אַלע
לײַט פֿון לאַגער, איז דער קאָמענדאַנט זיך געכאַפּט
דערבײַ איבער לאַגער און איז צופֿעליק אַרײַן אין
טואַלעט... און גלײַך אַ מינוט אַרויס אויסער פֿון
זיך אַרויסגעשפּרונגען, מיט אַ געשריי און מיט
אַ געוואַלד:
— „פֿאַרפֿלוכטע יודן-באַנדע! שווײַנע-הונדע!
אַלע אויף דעם אַפּעל-פּלאַץ אַנטרעטן!!!"
אין 5 מינוט אַרום, אין מיטן העלן טאָג, איז
דער גאַנצער לאַגער געשטאַנען אויפֿן אַפּעל-פּלאַץ. מיט
אַ רייע צוריק, מיט אַ צווייטע מינוט, איז דער
קאָמענדאַנט געשטאַנען אַנטקעגן אַלעמען און

244] אַמוניקאַניש, פֿון גאַנצ״ם, וואָס זײַנען געלעגן אין
טעפּיסער, האָבן זיי טאַקע אַלע געטראָגן אונדזערע
שטרײַפֿיקע קליידער און אונדזערע היטלעך...
ביז הײַנט זײַנען מיר נאָך געווען, ווי מען
זאָגט „שטיקלעך מענטשן", און טאָקע פֿון יידנט איז זאַכן.
אויך פֿון אונדזער שוך. ווען מיר זײַנען געוואָרן עמוסער
„הילפֿלינגע" און, ווען דער קאָמאַנדאַנט, אָדער [crossed out]
אַ סאָלדאַט פֿון די וואַכטשטיי, האָבן געוואָלט מיט דיר רײַדן,
דאַרף מען זיך גלײַך שטעלן „שטילגעשטאַנדן", דאָס הייסט
זיך ניט רירן פֿון אָרט, און גלײַך זאָגן צו זיי:
„העפֿטלינג 184018", אָט אַזוי האָט מען אונדז געלערנט...
...איז מען אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַגער, זײַנען
בײַ אונדז געווען אַ ביסל „אָסטמאַרקן", דאָס הייסט
דײַטשישע געלט, מאַרקן, וועלכע זײַנען געווען גילטיק
נאָר אין די אָקופּירטע לענדער, וואָס די דײַטשן האָבן
פֿאַרכאַפּט, אָבער אין דײַטשלאַנד גופֿא זײַנען געווען
„רײַכסמאַרקן". מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אין
דײַטשלאַנד קען מען אויסבײַטן „אָסטמאַרקן" אויף
רײַכסמאַרקן, וועלכע קאָסטן טײַערער פֿון אָסטמאַרקן.
איצט קומענדיק אין לאַנדסבערג, האָט מען

23 דאַכאַו אָפיציעל געעפֿנט, אַלס ערשטער דײַטשישער
קאָנצענטראַציאָנס לאַגער דעם 27 מערץ 1933,
גלײַך אין 2 וואָכן נאָך דעם "היטלער" האָט אין
דײַטשלאַנד פֿאַרכאַפּט די מאַכט...

די הויזן זײַנען געווען קורצע און ברייטע און
איך האָב זיי גלײַך געפֿירט מיט אַ אײַדל מיטאַקליינע
בײַכל "וועלכער האָט געצויגן טאַקע אַזוינע הויזן. אויך
האָט מען אונדז געגעבן היטלען, קאַפּעס, אַזוינע
מיט שטרײַפֿן, ווי די קאַ"צעטער. און טאַקע דאָ, אויפֿן אַפּעל־
פּלאַץ האָבן מיר באַקומען די ערשטע לעקציע, ווי זיך צו
באַגײן מיט די היטלען. מען האָט געהײסן צו אָפּנעמען נאָר
אַנטאָן, און גלײַך האָבן מיר באַקומען אַ באַפֿעל אין
דײַטש: "מיצן־אָפּ!" — און אַלע האָבן געמוזט נאָך דער
קאָמאַנדע גלײַך אַראָפּנעמען פֿון די קעפּ די היטלען.
און מען האָט אונדז אײַנגעלערנט: — "מיצן־אָפּ
מיצן־אויף!" און אַזוי אַ צענדליק מאָל; מיר
זאָלן דאָס בעסער פֿאַרשטיין. אַזוי האָבן מיר טאַקע
אַלע געהאַט אַ שרעקלעכן אויסזען. איך האָב זיך טאַקע
גלײַך דערמאָנט, ווי איך האָב אין קינדהייט, נאָך פֿאַר
דער מלחמה, געזען אין קינאָ אַ פֿילם, אַ

22) אַזוי בין מיר געווען אין אַ קליינעם פּוילישער פון
לעצטער 2 קליינע בילדעלעך: אין איינעם בין איך געווען
מיט מיין מאַמען באַטאָג געפֿירט אין אַ קאַראַנט, און פֿון
צווייטן בילדל איז געווען באַנעלט. אָט די צוויי קליינע
בילדעלעך האָב איך אַרויסגענומען פון האָלדז, און אַוועק
הינטער די בודקעס, אויסגעגראָבן אַ גריבעלע און עס
איינגעוויקלט אין גראָבן פּאַפּיר און באַגראָבן אין די
גריבעלע. און טאַקע באַלד האָט מען אונדז געהייסן זיך
שטעלן צוריק אין ריי און גלייך האָט מען פון
אונדז צוגענומען אונדזערע אַלטע זאַכן און אויסגעטאָ-
גען אַרעסטאַנטן-קליידער און יעדן האָט מען געגעבן
זיין לאַגער נומער. איך האָב באַקומען דעם נומער
81681 און פון דעם טאָג אָן בין איך שוין מער ניט
געווען באַרופֿן בײַם נאָמען, נאָר „הפֿטלינג נ׳
81681". אָט אַזוי פון אַ מענטשן בין איך געוואָרן
אַ שטיקל האָלץ, אַ מאַשין אין אויסזען פון אַ מענטשן
מיט אַ נשמה... מיין פֿאָטער, מיין ברודער, אַלע מענטשן
וואָס זיינען געווען אין לאַגער לאַנדסבערג, האָבן באַקומען
צײלטע נומערן פון דעמאָלט לאַגער דאַכאַו, ווייל
לאַנדסבערג איז געווען אַ אָפּטײלונג, אַ פֿיליאַל פון
דעם לאַגער דאַכאַו, וועלכער איז געווען

דאָס איז געווען דעם 20-טן יולי 1944. מען
האָט באַפֿוילן, דעם גאַנצן לאַגער אַוועקשטעלן אויף דעם
אַפּעלפּלאַץ, און מען האָט געבראַכט עטלעכע מאַשינען מיט
לאַגער-אַנצוגן מיט בלויע און גרויע פּאַסן, שטרײַפֿן אויף
דער לענג. מען האָט אָנגעהויבן אַלע זאַכן פֿון אונדז
צוצונעמען און אַרויסגעבן אונדזערע לאַגער-קליידער. די
לײַט פֿון די ערשטע רייען האָבן ניט באַוויזן אַפּילו וואָס
צו באַהאַלטן, מען האָט בײַ זיי אַלעס צוגענומען און
גלײַך אַרויסגעגעבן פּאַסן-קליידער. יענע די וואָס
זײַנען געשטאַנען ווײַטער האָבן זיך דערזען און מען האָט
אָנגעהויבן באַהאַלטן וואָס מען האָט געקענט. מען האָט אַפּילו
צעריסן עסנוואַרג און ווען די ווײַטשטייענדיקע האָבן זיך
דערזען, האָט מען אָנגעהויבן גיך אויפֿעסן אַלעס וואָס
מען האָט געהאַט און געהאַלטן בײַ זיך, אַז מען זאָל
עס ניט צונעמען פֿון אונדז. מען האָט אָנגעהויבן [illegible]
[illegible], ווײַל בײַ מאַנכן זײַנען געווען עפּעס פֿון
עסנוואַרג און בעסערע זאַכן אַליין אויפֿעסן, כּדי ניט אַוועק-
געבן, און בלײַבן הונגעריק...

דאָס וואָס מ'איז געווען בײַ אונדז, האָבן מיר מיטן
פֿאָטער און ברודער אויפֿגעגעסן, וואָרעם בײַ מיר איז
געווען נאָך עפּעס. אויף אַ שנירעלע, האָבן פֿאַלדעס,

20 שטיקלעך פֿלייש... מיר האָבן געמיינט, אַז מען
האָט אונדז געבראַכט אין אַ סאַנאַטאָריע. נאָר טאַקע
אַף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז דער
גאַנצער עסן פֿאַר יעדן פֿאַר די דרײַ פֿאַרגאַנגענע טעג,
אַף וועלכער מיר האָבן געדאַרפֿט קומען פֿריִער, און מען
האָט אונדז אין מיניאַק [illegible] די פּראָדוקטן
די עסנוואַרג פֿאַר אַלע דרײַ טעג.
אויפֿן צווייטן טאָג האָט מען אונדז [illegible]
געגעבן אַ קליינעם שטיקעלע ברויט מיט שוואַרצן, ביטערן
קאַווע. און אַף מיטאָג אַ שיסעלע זופּ, וואָס מען דאַרף
זוכן אַ גרויפּ, [illegible] אַ ברעקעלע בולבע. און אין
אָוונט ווידער אַ ביסל קאַווע. פֿון אַזאַ עסן קען מען
לאַנג ניט לעבן. דאָס הייסט, עפּעס קען מען יאָ
אַ ביסל לעבן, אָבער ניט לאַנג, און אויב דערצו
נאָך אַרבעטן און טאָקע ניט לײַכט, דאַן זײַנען
די געשעפֿטן, גאָר שוואַכע...
און, [illegible] גערעדט, מיר האָבן נאָך [illegible]
עטלעכע סוכאַריקעס, האַרטע קאַנטער ברויט, מיט אַ
ביסעלע, גאָר אַ ביסעלע צוקער און נאָך קלייניקייטן
צוזאַמען וואָס אונדז איז געווען 2 טעג לײַכטער.

19 אַ ברעקעלע װאַרעמען פֿלײש, װאָס האָט זיך טשאַקע
נאָך געבראַטעװעט... דער האַר איז לעבן געװען פֿריִק
געװען אַ גרויסער קאַסטן, װי מען פֿלעגט אַרײַנװאַרפֿן
די געשײַלעכץ פֿון די בולװעס...
אױפֿן אַ פֿעלדפֿלאַש האָט מען אונדז נאָך אַמאָל
אַרױסגעצײלט און אײַנגעטײלט סאָרטירן אין בריגאַדעס.
אַלעמען דערװײַל האָט מען געהײסן זיך פֿונאַנדערגײן
און זיך אײַנאָרדענען אין די באַראַקעס. מײַן פֿאָטער,
ברודער און איך זײַנען אַרײַן אין אַ באַראַקע ניט װײַט
פֿון אַ פֿעלדפֿלאַש. מען האָט אונדז געגעבן יעדן אײן קאָלדרע
און מיר האָבן אײן קאָלדרע אונטערגעלײגט אױף דער ערד און
מיט צװײ קאָלדרעס צוגעדעקט זיך צוגעדעקט. די ערשטע
נאַכט אין די באַראַקע איז געװען ניט קײן קאַלטע, אָבער
פֿאַרטאָג איז אונדז געװאָרן קאַלט און מיר האָבן זיך
צוגעדעקט אײנער צום אַנדערן, כּדי צו זײַן װאַרעמער.
דעם ערשטן טאָג האָבן מיר אַלע ניט געשלאָפֿן, װײַל
מיר זײַנען געװען מיד פֿון װעג און אױך דערפֿאַר, װײַל
מען האָט אונדז געגעבן אַ גוטן, און טאַקע אַ װאַרעמען
גוטן מיטאָג. געדיכטע מילכיקע זופּ מיט לאָקשן,
און אַחוץ שטיקלעך ברױט און אַפּילו אַ קלײנע

18 זיך צו אונדז צוגעקוקט. מ'האט ווינקט און געזונטע
האט ער געקוקט מיט אַ שמייכל, און צוזאָגנדיק אין די
רייען פון אונדז עלטערע אָדער שוואַכע מענטשן האט
ער געקרימט זײַן פּנים צו זיך.
און אַזוי זײַנען מיר צוזאַמען ערשטן מאָל אַרײַן
אין לאַגער. דער ברייטער טויער איז געווען אָפן
און האָט געוואַרט אויף אונדז. אין מיטן לאַגער איז
געווען אַ גרויסער פּלאַץ — וואָס מען רופט עס אַפּעל-
אַפּעלפּלאַץ, פון וועלכן מען פלעגט גיין אויף דער אַרבעט,
און וועלכן מען פלעגט אונדז צוויי מאָל אַ טאָג ציילן און
פאַרשרײַבן וויפל מיר זײַנען נאָך געבליבן. און אַרום
זײַנען געשטאַנען ניי אויפגעבויטע גרינע באַראַקעס,
פון פאַנער אויפגעבויטע הײַזלעך, אָן דילן, מיט
קליינע פענסטערלעך און אַ טיר פון פאַנער. לעבן
טויער איז געשטאַנען די לאַגער־קיך, ווי מען האָט פאַר
אונדז געקאָכט וואַרעמען, שוואַרצן, ביטערן ערזאַצקאַווע,
און זופּ. דאָס הייסט וואַסער מיט עטלעכע גרויפּן
אָדער שטיקלעך קרויט, ווי מען האָט אַמאָל געמאַכט גלײַך
צו געבן אַ שטיקעלע פּוטער, און גאָר זעלטן אַ
קליינע שטיקעלע ביינדעלע פון פלייש אָדער טאָקע גאָר

17) מיר האָבן דאָרטן שטאַרק געדורשט, צוויי וואָכן מיר
זײַנען געווען שוין צוגעוווינט, וועלכע איז געווען אין
2 רייען אַרום דעם גאַנצן לאַגער. אַלע 3 מעטער, ניט
ווײַט פֿון לאַגער־טויער איז געשטאַנען אַ גרויסע האַלץ
באַראַק און דאָרט זײַנען געלעגן הילצערנע באַראַקן פֿאַר
די וואַכלײַט. דאָרט איז אויך געווען זייער קיך.
דער לאַגער טויער האָט זיך געעפֿנט און
מיר האָבן זיך ענדלעך געקענט באַקענען מיטן לאַגער,
ווי מיר האָבן געדאַרפֿט לעבן און אַרבעטן.
מען האָט אונדז נאָכאַמאָל איבערגעציילט און מיר
האָבן געהערט, ווי די אונטערפֿירער, וואָס האָבן אונדז
געציילט, האָבן געזאָגט דעם לאַגערקאָמענדאַנט, אַז מיר
זײַנען בײַ טויזנט מענטשן. און ערשט איצט האָבן
מיר „געהאַט די עהרע" זיך צו באַקענען מיטן לאַגער
קאָמענדאַנט. ניט גאָר קיין הויכער, אַ פֿעטער, מיט
אַ רונדן פֿולן פּנים (אַ פּאָרטרעט פֿון אַ בולדאָג),
איז ער געגאַנגען און געשטעלט פֿעסטע טריט און בײַ
אים נעבן זײַט איז געווען אַ גרויסער, שוואַרצער
רעוואָלווער און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ
לאַנגע גײַטשל, אַ גאַנץ שיינע, אַ לעדערנע. ער האָט

116) הייסט אונדז. און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, נאָך
זייער בליק, אַז דאָס איז פֿאַר זיי ניט קיין נײַעס, אַז
קומען יעדן טאָג, אַנדערע אונטערגעבראַכט גענוג אַלפּט,
פֿירט מען זיי אויף לאַסטמאַשינען, אַנדערע צופֿוס,
אַרעסטאַנטן, אַנדערע „העפטלינגע”, ווי די דײַטשן
פֿלעגן זאָגן. און צו אונדזערע קינדער זײַנען זיי
שוין גוט געוווינט. אַנדערע מיר זעען אַ צום ערשטן
מאָל. זייער שיינע געסן מיט פֿײַנע הײַזער, מיט
בלומען, מיט ליבלעכע קינדערלעך פֿון [illegible]הויף.
ווי עס זעט אויס האָבן די שולדיקע אויך געזען
אונדזערע בילדער געגעבן אַלפּט. און נעלאַט זײַנען
געווען ווייניק מענטשן. מייסטנס זײַנען סאָלדאַטן און
קינדער. דורכגעפֿאָרן די שטאָט, האָט זיך באַוויזן
אַ בריק איבער אַ טײַך. דאָס איז געווען דער
טײַך - ילטאַ - מיט פּאָליסיקן, גרינעם וואַסער.
אַריבערגעפֿאָרן דעם בריק האָבן זיך די מאַשינען
פֿאַרדרייט אין אַ זײַט און ווידער זיך אויפֿגעשטעלט
אַרויפֿגעפֿאָרן צו אַ מאָל דאָ. און ווידער
נאָך אַ מאָל אין אַ זײַט, ניט ווײַט פֿון וואָס האָבן
מיר דערזען אַ נײַעם לאַגער.

זײַ געזעצט אױף האַרטע בײנקלעך, און די װיקלען
האָבן זיך געזעצט פֿיר װאַכלײַט און די מאַשינען
זײַנען געפֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון שטאָט.
מיר האָבן זיך אױפֿגעהױבן אַ בלאָגאַס, װאָס
פֿירט האַנג אַ גרױל און פֿון דער זײַט האָבן מיר
דערזען אַ גרױסע, הױכע פֿאַסטונגס־מױערן. דאַמאָלסט
האָבן מיר נאָך ניט געװוּסט, אַז טאַקע דאָ,
הינטער די שװערע װענט, אין אַ טורמע איז
געזעסן אַרעסטירט דער דײַטשישער פֿירער אַדאָלף
היטלער. און טאַקע דאָ אין לאַנדסבערגער טורמע
האָט ער געשריבן זײַן בוך „מײַן קאַמף". דאָס
האָבן מיר זיך דערװוּסט שױן שפּעטער. גלײַך דערװײַל
האָט מען אונדז געפֿירט איבער די גאַסן פֿון שטאָט,
און מיר זײַנען געזעסן אױף די מאַשינען און אַלץ
אַלץ געקוקט. פֿאַקטיש האָב איך צום ערשטן
מאָל דערזען אַ דײַטשישע שטאָט. אױף די באַלקאָנען
זײַנען געװען אױסגעזעצט זײער שײנע בלומען, עס
זײַנען געשטאַנען אױף אײניקע באַלקאָנען פֿרױען
און קינדער, און גאַנץ קאַלט־בלוטיק געקוקט,
װי מען פֿירט אױף מאַשינען אַרעסטאַנטן, דאָס

קאנצענטראציע לאגער לאנדסבערג.

... אויפן דריטן טאג פון אונזער „רייזע"
האט דער באן זיך אפגעשטעלט אין א קליינער
סטאנציע, ניט ווייט פון דער שטאט לאנדסבערג.
דאס איז געווען דעם 16 יולי 1944, פאר
מיטאגצייט. די וואכלייט זיינען ארויס פון די
וואגאנען און באלד האט מען געהערט א באפעל!
— אלע דארפן ארויס פון די וואגאנען, מיט
זייערע זאכן!
מיר זיינען ארויסגעקראכן פון וואגאן און זיך
ארומגעקוקט אויף די אומבאקאנטע געגנט. פעלדער,
פון ווייטן א טעלעגראף שטאנגען, און גאר ווייט האט
זיך געזען א גרויסע שטאט. מען האט אונז ווידער
אויסגעשטעלט אין רייען צו 4 מענטשן, עטלעכע מאל
איבערגעציילט און פארשריבן די צאל. נאך א ווײלע
זיינען מיר געשטאנען און באלד האבן זיך
באוויזן גרויסע לאסטמאשינען, ווי מען האט
אונדז געהייסן ארויפקריכן. מיר האבן זיך

13 איז מאַן איר. דערקענען געקענט גאָרניט אויף
און איר פֿון עלטער יאָר גוטע מיט עלטערע געווען
איז געווען דאָבריאַן, איז זיין פֿרוי איז לעבן, אוי ק-
עס האָט געלאָפֿן געקומען שוועסטער און ניט צוגעקומען די
דײַטשן, אַלץ אין אַנדערע וועגן איז דאָ אַ פֿרוי, אַרגענמען
ווי אַ מאַן. און ווייטער, ווי עס וועט זיך אויסלעבן, ווי
גאָט וועט געבן...

און דער באַן איז געגאַנגען ווײַטער. מיר זײַנען
פֿאַרבײַגעפֿאָרן גאַנץ עלטערע שטעט און שטעטלעך.
מענטשן האָבן מיר געזען ווייניק. מערניסט פֿרויען
און קינדער, אַלע אַלטע לײַט. די גאַנצע דײַטשישע
באַפֿעלקערונג איז געווען אַלע אַף מיליטער מאַכן
פֿאַבריקן, אַלע אַף דער אַרבעט. מיר האָבן אויך
געזען פֿיל באַשעדיקטע הײַזער, אויפֿגעריסענע
בריקן און עס האָט זיך געשפּירט, איז דײַטשלאַנד
לעבט אויך דורך שווערע טעג...

עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי מיר
זײַנען געווען אין וועג.

דער באַן האָט זיך שוין געפֿונען אין די טיפֿן, אין
האַרץ פֿון דײַטשלאַנד און געפֿאָרן ווײַטער...

12 האָט דאָס זיך געמאַכט דאַנק האַלטן אַ פּיסטאָלעט.
און ווען די דײַטשן האָבן זיך דערוווּסט, אַז אידן פֿון
אונטערוועגס שפּרינגען פֿון וואַגאָנען און אַנטלויפֿן,
האָבן זיי אָנגעהויבן אַ שיסערײַ און ניט געלאָזן
לויפֿן. אַ גרויסער קאָפּעלעווסקי האָט אַרויסגעוויזן
זײַן רעוואָלווער, אָנגעהויבן שיסן אין די דײַטשן,
מען זאָל קענען וואָס מער לײַט אַנטלויפֿן. ער
האָט עטלעכע געטראָפֿן אין אַ דײַטש, אָבער
אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אים
דערשאָסן און די דײַטשן האָבן פֿאַרמאַכט ווײַטער
די פֿענצטער, מען זאָל ניט אַנטלויפֿן. אָבער
דאָך פֿאַר דער צײַט זײַנען עטלעכע יאַטן
פֿון עשעלאָן, פֿון די וואַגאָנען, אַנטלאָפֿן.
און אונדזער שלאָגן אַ נײַעס. אין אונדזער וואַגאָן
אויפֿן צווייטן טאָג פֿאָרן, האָבן מיר דערזען... אַ פֿרוי
אַ יִ, אַ, אַ עוואַנגעליסטישע פֿרוי, ניט קיין יונגע
שוין, מיסטאָמע מער ווי פֿערציק יאָר אַלט, און צוזאַמען
מיט איר מאַן. זי האָט געהאַט אַ פּאָר ווינטער-
הויזן, אַ העמד, אַ רעקל, אַ ווינטער האָט זי
פֿאַרוויקלט אונטער אַ גרויסן היטל און מען האָט

דן ווערטער:

און אין דער זעלבער צייט האבן מיר זיך דערוויסט
א סך נייעס.

ערשטנס, זיינען אין אונדזער וואגאן געקומען אידן
נייע מענטשן, וועלכע זיינען געפארן דעם ערשטן טאג
אין אנדערע וואגאנען. און דערזען זיינען געווען א סך
אנדערע נייעס... ווי צו אונדז. אין עטלעכע וואגאנען
נאך אונדזערע, האבן זיך צונויפגעקליבן בחורים,
וועלכע האבן באשלאסן צו אנטלויפן און ניט
פארן אין דייטשלאנד. עטלעכע יאטן האבן געהאט
מיטן סעקירעס חלפן טיף, און אין דער צייט, האבן
אנדערע בחורים אויפגעריסן די שטעכיקע דראט פון
פענסטער אין ווינקל פון וואגאן. איינציקווייס, אזוי
אז דער לאקאמאטיוו זאל ניט מערקן, איז מען דורכגעקראכן
דורכן פענסטער און געשפרונגען ווייטער פון וואגאן.
איינעם איז געלונגען. עטלעכע יאטן האבן גוט
אראפגעשפרונגען, אבער איינער איז אראפגעפאלן
גלייך אונטער וואגאן און האט זיך מער שוין ניט
אויפגעהויבן. און נאך האבן זיי דערציילט, אז
א גרעסערער טייל פון קעלצער געטא קאלבאסניקי

10) האָבן מיר דערזען איר גורל — הויף. דאָס איז
געווען אַ גאַנץ גרויסע שטאָט. פון ווײַטן האָט מען
געקענט זען גרויסע געבײַדעס נאָך אַ באָמבאַרדירונג,
ערטער וווּ עס זײַנען געשטאַנען אויסגעקלאַפּטע פון באַזונדערע
ווינקעלעך.
אין וואַגאָן איז אַרײַן אַ דײַטשישע קראַנקנשוועס-
טער אין באַגלייטונג מיט אַ אָפיציר. אויף איר
ווײַסן כאַלאַט איז געווען אַ גרויסער רויטער
קרייץ. זי האָט גאַנץ קולטורנע געפרעגט – צי
זײַנען אין וואַגאָן דאָ קראַנקע לײַט, צו דאַרף מען
מעדיצינישע הילף. קיינער האָט איר ניט געענטפערט.
זי האָט אַלעמען געזעגנט „אויף ווידערזען!" און איז
מיטן אָפיציר אַוועק ווײַטער אין אַנדערע וואַגאָנען.
איינער פון די יונגע בחורים פון וואַגאָן האָט
אַ זאָג געטאָן, נאָכדעם ווי זי איז אַוועק:
— אינטערעסאַנט, די קראַנקנשוועסטער פרעגט ניט
צו מיר לעבן, צי ניט, זי פרעגט – צי זײַנען מיר
געזונט! און וואָס פאַר געזונט קען זײַן, אַז
עס איז ניטאָ קיין לעבן? —
מיט אַ טרויעריקער איראָניע האָבן געקלונגען זײַנע

פֿון אַ לעקל ברויט. מען האָט ווייניק געוואַרט און עס איז געוואָרן אַ געדעקטער שטימונג.

געשלאָפֿן זײַנען מיר גאָר שלעכט. אין קאָפּ זײַנען געקראָכן פֿאַרשידענע געדאַנקען, וואָס וועט זײַן מיט אונדזערע ליבע מענטשן, שוועסטער און געליבטע, וואָס וועט זײַן מיט אונדז? ווּהין פֿירט מען אונדז? און גלײַכצײַטיק האָט מען זיך (פֿאַר זיך אַליין באַרואיקט), אַז אויב מען וואָלט אונדז געוואָלט גלײַך שיסן, דאַרף מען דאָך אונדז ניט פֿירן אין דײַטשלאַנד... מיט איין וואָרט, געדאַנקען זײַנען געקראָכן אין געוויסן, אָבער געוווּסט איינער מיט די אַנדערע, און טאַקע ניט געוווּסט וואָס אויסצוקלערן. איינער פֿון וואַגאָן האָט אַ פֿרעג געטאָן דעם סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אין טיר:

— ווּהין פֿירן מיר?

דער סאָלדאַט האָט אָקוראַט געטאָן מיט די פּלייצעס און אַ בורטשע געטאָן.

— מען פֿירט אײַך אויף אַרבעט! — און ווי מיר האָבן פֿאַרשטאַנען האָט ער אַליין אויך ניט געוווּסט.

אין צווייטן טאָג, שוין פֿאַרנאַכט, האָט דער באַן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסער סטאַנציע. אַלע וואַגאָנען

8 זיך ווידער אין טיר געשטעלט א סאלדאט מיט געווער און אין א שעה ארום האט דער באן זיך גערירט פון ארט און איז ווייטער געפארן אין טיף דייטשלאנד.

מיר זיינען געקומען מיט פארטרויערטע און פארוויינטע אויגן, מיט פארקלעמטע הערצער און ניט געוויסט וואס צו זאגן איינער די אנדערע. מען האט נאר געפילט גאנץ, אז אונדזערע ליבע ברידער-צווישן די מאמעס מיט שוועסטער, געליבטע און פריינט, טאטעס און גוטע רעוואלוציאנערן זאלן אלע בלייבן לעבן און מיר זאלן זיך נאך מיט זיי קענען זען.

פארנאכט האט זיך פארלאנגט עסן. דאס אונדזער אין די זעקלעך איז געווען נאך א ביסל ברויט, קעז א קליינער שטיקעלע הארטע ווירשט און עפעס נאך וואס, און מיר, — דער פאטער, מיין עלטערן ברודער און איך האבן עפעס א ביס געטאן.

דער טאג איז געווען א לאנגער און דער באן איז אלץ געפארן. איינציקע מאל זיך אפגעשטעלט אויף סטאנציעס. איינמאל האט מען אונדז געגעבן וואסער צום טרינקען און אויף 5 מענטשן

7 אין וואַגאָן. לײַדער אַלע צײַטן געשטאַנען און
מען האָט געקוקט ווי מען פֿירט אַוועק די פֿרויען. איך
האָב געזען ווי מײַן מאַמע האָט גײענדיק זיך אומ־
געקוקט, אַפֿילו געשריען צו אונדז, געמאַכט מיט
האַנט, לײַדער קײן ווערטער האָבן מיר ניט פֿאַרשטאַנען
און ניט געהערט. איך האָב איך פֿון ווײַטן, אין
מיטן קאָלאָנע פֿון די פֿרויען דערזען בײַ נעלען, זי האָט
זיך אויך אומגעקוקט געזוכט עפּעס, געקוקט אַף
אַלע זײַטן — צי האָט זי מיר געזען, צי ניט — ווײס
איך ניט. און די פֿרויען־קאָלאָנע איז אַלץ ווײַטער
און ווײַטער אַוועק פֿון אונדז...
אַ סך לאַנג האָט מיר אַ ביסל געשטאַנען פֿאָרן
האָבן און געשריען שנעל אַרײַנקריכן אין וואַגאָן. אַלע
מענער, וואָס זײַנען געבליבן, האָט מען געטריבן
קריכן אין די וואַגאָנען. לײַדער איצט, אַז מיר זײַנען
געבליבן אָן פֿרויען, האָט מען אָנגעהויבן די
מענער פֿון די וואַגאָנען צונויפֿקלײַבן אין די מיטעלסטע
וואַגאָנען, און די באַפֿרײַטע פּלעצער פֿון די פֿרויען
האָבן פֿאַרנומען מענער. אונדזער וואַגאָן איז
ווידער געוואָרן פֿול מיט מענער און באַלד האָט

6

די באַגעגענונג.

מיר האָבן זיך װידער געקושט מיט אונדזער ליבער מאַמען. מײַן פֿאָטער, װעלכן איך האָב קײנמאָל ניט געזען קײן װײנענדיקן, האָט געציטערט און געװען נאַס פֿון טרערן. ער האָט די מאַמען געקושט און געגלעט און איך מיט מײַן ברודער אױך דאָס זעלבע. די קינדער די סאָלדאַטן האָבן ניט געלאָזן שטײן און האָבן אָנגעהױבן אונדז טרײַבן. מיט אַ קלײנעם פּעקעלע אין האַנט האָט די מאַמע [illegible] פֿון אונדז גײן װײַטער, װײַל מען האָט איר אונטערגעשטופּט און אַװעקגעטריבן פֿון אונדז. זי האָט געװײנט און געזאָגט, מיר זאָלן זיך האַלטן, און מיר װעלן זיך שױן זען, און עס װעט זיך אַלעס ענדיקן גוט...

אונדזער רײד און געשרײען זײַנען געװען דורכגעמישט מיט אַנדערע געשרײען און װײנען און אַרום איז געװען אַזאַ גערודער, אַז מען האָט ניט געהערט אײנער דעם אַנדערן...

און דאָ האָט זיך די פֿרױען קאָלאָנע, אַרומגערינגלט מיט װאַכלײַט, אָנגעהױבן זיך צו רוקן װײַטער פֿון אונדז. אונדז האָט מען געהײסן קריכן צוריק

צו) האָט דער לעבן ניט געהאַט קיין ציל, קיין
צוועק און אַלעס וואָלט געווען פּוסט. און טאַקע
ווי וואָלטן מיר זײַן אָן אונדזער ליבער משפּחה?
און דאָ דערבײַ איז געשטאַנען פֿאַניע מײַן
שוועסטערקינד, די מיידל פֿון טשעלעכער און צוגענומען
זיך, און אַלע געוויינט. און פֿון אַלע זײַטן האָט
מען געוויינט, זיך געקושט, זיך געפֿרייט און טאַקע
טאַקע אַזוי געלאַכט... קיינער האָט ניט געוווּסט וואָס
וואָס ווײַטער זײַן.
און דאָ האָב איך פֿון ווײַטן דערזען פֿעליען.
איך בין צו איר. לעבן איר איז געשטאַנען איר עלטערע
שוועסטער.
— האַריעט, לאָמיר מיר זיך שיידן! פֿעלע
מאָמע איז פֿאַר אונדז! טאַקע וועלן מיר זיך נאָך
באַגעגנט ראַפֿן! נאָר פֿאַרגיב האָבן!
מיר האָבן ביידע געוויינט, זיך אַרומגענומען
און געקושט.
און דאָ האָבן ווידער די דײַטשן אָנגעהויבן
שיסן אינדערהויך, שרײַען, מען זאָל זיך גיכער שוין
צעזעגענען, ווײַל עס איז אַלערוויק און עס מוז זײַן

4. אָבער די געשרייען, דער קלאַנג און וויינען פון די
פרויען, קינדער און מענער איז געווען אָן אַ שיעור, אָן
אַ אויפהער. דאָס האָבן עלטערע סאָלדאַטן געשאָסן
אין דער הויך און עס איז געוואָרן טויטע שטילקייט.
וואָס טוט זיך דאָ? דאָ פירט מען די פרויען
צום שיסן צי? ניין, דאָס טוט זיך אַז ניט... אויף דאָ
האָט אַ הויכער אָפיצער אָנגעהויבן שרייען:
— וואָס טוט איר! מען פירט די פרויען אין
אַ אַרבעטסלאַגער! די מענער וועלן פאָרן אין אַ אַנדער
לאַגער אַרבעטן, און באַרויִקט זיך!
אָבער קיינער האָט ניט געגלייבט דאָס טרייסטן
און יעדער האָט זיך געזעגנט פּאַר פּאַר צײַטן...
מײַן פאָטער, מײַן ברודער און איך זײַנען אַלע
געשטאַנען לעבן אונדזער ליבער מאַמען. דאָ איז
דער פאָטער געווען נאַס פון טרערן. מיר האָבן אַלע
געוויינט. ווי וועלן מיר זײַן אָן אונדזער ליבער מאַמען,
וועלכע האָט פאַר אונדז אַלעס געטאָן, אַז אונדז
זאָל זײַן גוט, אַז מיר זאָלן זײַן זאַט און אָנגעטאָן,
אַז מיר זאָלן זײַן ריין און שיין, און אין דעם צײַט
מיר שוין אַלע געוואָרן שטילוויינט, אַז גאָן. דעם

3

אין די ערשטע מינוטן האט קיינער ניט
געקענט פארשטיין פון וואס עס האנדלט זיך.
„וואס הייסט די פרויען דארפן ארויס פון די וואגאנען
און די מענער? די מענער בלייבן דא?״ – געוויינער און
אנדערע געדאנקען זיינען פלוצלונג אנטשטאנען קאפן
אונדז אלעמען און קיינער האט ניט פארשטאנען פון
וואס ווערט געטראפן און וואס מען מיינט.
אבער די דייטשן האבן ניט ליב צו ווארטן.
סאלדאטן האבן אנגעהויבן פון אלע וואגאנען שוין
ארויסצושלעפן פרויען און עס האט זיך גלייך
אנגעהויבן א געשריי און געוויין פון אלע זייטן.
מען האט ניט פארשטאנען וואס עס טוט זיך.
די פרויען האבן געוואלט צוריק פארבלייבן, און
אנגעהויבן זיך געזעגענען מיט די מענער, קינדער,
~~[illegible]~~, פריינד און אלע פריינט. פון אלע זייטן
איז געשטאנען א געוויין, א טומל, מען האט
געוויינט און געשריגן, מען האט גערופן איינער די
אנדערע. אין דער צעלבער צייט האבן אויך
אנגעהויבן שרייען די דייטשישע אפיצירן, עס זאל
זיין א ארדענונג, מען זאל אוי ספירן די [illegible].

וועטן האָט מען געזען שיינע הייזלעך מיט
הויכע דעכער, מיט בוימער און וועגן. קיין
מענטשן האָט מען קוים ניט געזען. אַלץ איז געווען
גרין און שיין. דאָס מאָל זענען מיר געפֿאָרן שטילער
שוין, דורכגעפֿאָרן אַ קליינע אייזנבאַנסטאַציע.
און אַוועקעפֿאָר אין מיטן טאָג, האָט זיך דער באַן
אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע וואָס הייסט טורנהאָל.
גלייך זענען די וואַכלייט פֿון די וואַגאָנען
אַרויס און זיך געשטעלט אַנטקעגן די טירן.
און דאָ זענען אָנגעקומען עטלעכע גרויסע
לאַסט מאַשינען מיט עסעסלייט און עטלעכע אויטאָ־
מאַשינען מיט אָפֿיצערן פֿון עסעס. זיי האָבן
צווישן זיך עפּעס גערעדט און געמאַכט מיט די
הענט. איינער אַן אָפֿיציר האָט אָפּגעגעבן אַ
קאָמאַנדע, שרייענדיק הויך צו אַלעמען:
— אַלע פֿרויען פֿון די וואַגאָנען, צולאָזן נעמען
זייערע זאַכן, און אַרויסגיין זיך שטעלן אין אַ
ריי פֿון דער זייט!
און ער האָט באַוויזן פֿון וועלכער זייט
די פֿרויען דאַרפֿן זיך שטעלן.

1

וועגן פון פאַרגאַנגענע יאָרן

(עפּיזאָדן פון מײַן לעבנסבוך)

מיר ציינען אין דײַטשלאַנד.

... דער פרומען איז אויף אייביק געבליבן פאַר מיר אין זיכּרון. די זון האָט געשײַנט, ס׳איז געווען זייער ליבלעך, אָבער אונדז האָט עס ניט געוואַרעמט. א פֿול געפּאַקטער באַן, מיט לאַסט־וואַגאָנען און מיט קראַטעס פֿאַרמאַכטע פֿענצטער, מיט שטעכיקע און די טירן צו, צוויי דאָפּלטע וואַכלײַט, האָט זיך באַוועגט אויף די רעלסן, אין דײַטשלאַנד. דאָס איז געווען דעם 13 יולי 1944.

פֿאַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון וואַגאָן טיר, איז געשטאַנען א דײַטשישער סאָלדאַט. ער האָט שאַרף וואָס אויפֿגעפּאַסט אויף זײַן פּאַסאַזשירן מיט מאַשינגעווער אין דער שטיקל וואַרשט. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם, ווי מיר ציינען געלעגן אײַנגעדריקט, ווײַל עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ צום שלאָפֿן. דער באַן איז געשטאַנען צווישן גרינע פֿעלדער און פֿון

באָריס זאַווילעוויץ

וועגן פון פאַרגאַנגענע יאָרן.

1959.